AMED
Hebr

PJ 5129
.M73 R2
Copy 2

# ר׳ שמכע פלאכמע



## דער וועלט שווינדלער.

בהוצאות בית מסחר הספרים של ר׳ יצחק פונק בווילנא.

ווילנא

שנת תרנ"ה לפ"ק.

# ר׳ שמכע פלאכטע



## דער וועלט שווינדלער.

בהוצאות בית מסחר הספרים של ר׳ יצחק פונק בווילנא.

ווילנא

שנת תרנ״ה לפ״ק.

Morgenstern, Jacob

# ר׳ שמחה פלאכטע

אדער

## דער וועלט שווינדלער.

יעדער מענש וואס ווירד די מעשה לעזען, ווירד האבין גרויס פערגעניגען. יונג אונ אלט, ארעם אונ רייך, וועלין זיך פרייען אלע צו גלייך. די מעשה ווירד דעם לעזער מאכין וואכין, יעדער וואס ווירד לעזען, ווירד מוזן לאכין.

הערות נעגעבען:

פאן ר׳ יעקב מארגענשטערן
הנקרא יעקיל לעהרער אוס לאדז.

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר׳ יצחק פונק נ״י
**בווילנא**
שנת תר״ס לפ״ק

**Ребъ Симхе Плахте**
Разсказъ изъ Еврейскаго быта.

ВАРШАВА. 1900.
Типографія М. И. Гальтера и Комп., Налевки 7.


## היט זיך!

### פיר א נאכגעמאכטען.

אונד פאדערט נור דעם ריכטיגען אונ פאלשטענדיגען ספר **שבט יהודה** מיט דיא צוויא וויכטיגע היסטארישע צוגאבען, פון

### יצחק פונק׳ס פערלאג:

1) גזרת ת״ח—ות״ט בעשריבען די שרעקליכע הריגות, יסורים, אונד ענוים, וועלכע יודען זענען דאן אויס געשטאנען.

2) מסעי הצלב, די קרייצפאהרער, א ריכטיגע היסטארישע בעשרייבונג פון די קרייצפאהרער: אלע שרעקליכע אונ שוידערהאפטע הריגות אונ שחיטות, וועלכע יודען זענען דאן אויסגעשטאנען. פאדערט דעם שבט יהודה פון יצחק פונק׳ס פערלאג וועלכער איז דער ערשטער ריכטיגער אויף דער וועלט אין דער זשארגאנישער שפראכע אונ וועלכער איז אם בעסטען אן גענומען געווארען, א בעווייז דאצוא דאס דיא ערשטע אויפלאגע, וועלכע איז בעשטאנען פון פיעלע טויזענדער עקזעמפליארען איז אין א קורצער צייט פערקויפט געווארען אין גאנצען. אונ יעצט האב איך איהם אפ געדרוקט פון דאס נייא נאך פיעל בעסער אונ שענער ווי די ערשטע אויפלאגע;

דיזער ספר איז ביז יעצט געוועזען אין דער העברייאישע אונ אויך אין פיעלע אנדערע שפראכען, אונ איז אן גענומען געווארען ביי אלע יודען אין דער גאנצער וועלט אונ מחבת זיינע פיעלע חשיבות איז ער פערקויפט געווארען לאלפים ולרבבות;

יעצט האבען מיר געקויפט פיר נעטהיג, דיזען טהייערען ספר איבער צוא זעטצען אין ריינעם זשארגאן בכדי צוא צייגען אונזערע לעזער דיא גרויסע חסדים וואס גאט טוהט מיט אונז.

דער טייערער ספר שבט יהודה איז העכסט אינטערעסאנט אונד ענטהאלט א פאלשטענדיגע בעשרייבונג פון דעם יודישען לעבען אין דער פארגאנגענער צייט. ער איז שפאננענד אונד אנציהענד פון אנפאנג ביז ענדע.

עס איז איבריג צו רידמען דיזען טייערען ספר, דען ווער פון דיא העברייאישע לעזער האט ניט געלעזען אדער געהערט פון דיזען ספר. וועמען פון דיא לעזער האט ניט איבערראשט דיא פיעלע שרעקליכע אונד שוידערהאפטע צרות וועלכע יודען זיינען אין פיעלע צייטען אויסגעשטאנען. די אלע לעזער הייסען מיא וויכטיג דיזער טהייערער ספר איז.

מיר האפפען אז יעדער פון דיא לעזער וועט צופרידען זיין פון דיזען טייערען ספר, אונ דעם דאנקבאר זיין דעם הערויסגעבער:

יצחק פונק אין ווילנא.

**מערקט איך** אונ פאדערט נור דעם ריכטיגען אונ פאלשטענדיגען **שבט יהודה** פון **יצחק פונק׳ס** פערלאג.

אדרעססע:
Книжный Магазинъ ИСААКА ФУНКА, Вильно.

Дозволено Цензурою
Варшава, 29 Декабря 1899 года.

אין לאנד עוץ וואר איין קליין שטעטיל נארקאוו. דאס וואר איין יודיש שטעטעל. אונ אויך זעהר איין פרום שטעטעל. דארט האט געוואהנט איין רב. דאס רעהבעל וואר איין אלטער מאן. אונ ער וואר אויך א רעבעלע. אויף דעם שטייגער וויא אגוטער יוד. ער איז אויך גינאנגען אין איין ווייסע יופעצע. אונ פרייטעג צו נאכט האט ער גידאוונט אין טלית אונ האט מאנכעס מאל געזאגט סגולות אונ האט אויך מאנכעס מאל גינומען א פדיון אונ ער וואר באמת א גרויסער ערליכער יוד. אונ אויך נעבעך איין גרויסער אביון.

אין דעם שטעטעל האט זיך גיפונען איין יתומה. איין מיידעל וואס האט נעבעך ניט גיהאט קיין טאטע אונ קיין מאמע. זא האט דיא רעבעצין פאר רחמנות גינומען דיא יתומה. אונ האט זיא אויף גיצויגען. זיא וואר שוין אלט עטליכע צוואנציג יאהר. זיא וואר איין יפת תואר. איין נאז וויא א פאם. אונ א פנים וויא א טויער. א פאר גרויסע אויגען וויא איין אונגעריש קאלב. א פאר גראבע ליפען וויא דיא גאמבע פון א רוסישען אקס. אונ פינגער וויא דיא פיס פון א העלפאנד. אונ קלוג וויא איין אלטער אייזעל. נאר אן עין הרע האט זיא גיקענט עססען וויא א פערד. אונ צו דעם אלעם איז זיא גנאנגען נאקעט אונ באָרוועס. דען ווער האט איהר נעבעך גיזאלט עפעס קויפען אדער מאכען. דען ווען קיינע עלטערן האט זיא נעבעך ניט גיהאט. אונ דער רב וואר נעבעך א גרויסער אביון. אונ קיין בעליבטע האט זיא נעבעך ניט געהאט. דען ווער עס האט זיא אנגעקוקט. האט דיא גאל אויסגיבראכען. דען איהר שיינהייט האט קיין דוגמא. כמילא וויא זיא איז אבי געמאלט. קיין שידוך האט זיך ניט געטראפען. קיין בלינדען האט מען ניט געקריגען. אונ קיין

ועהנדינער

געהענדיגער האט זיא ניט געוואלט. בקיצור זיא איז שוין איבער דרייסיג יאהר אלט.

דיא רעבעצען איז גיזעסען אין די ווייבער שוהל. האט זי גיהערט וויא די ווייבער רעדען פון איהר ווייל זיא זארגט ניט וועגען איין שידוך פאר דיא יתומה. אונ איין נגידישע פרומע צנועה האט זיך ארויס גישטעלט מיט דעם גרויסען קול אונ האט געזאגט. ווען בייא איין אנדערען מעכט זיך גיפונען איין בתולה פון עטליכע דרייסיג יאהר. זא מעכט איהר מיט אייער מאן שרייען. עס איז איין גרויסע עבירה. כען מוט זיך פערזינדיגען. אונ בייא אייך איז דאס קיין עבירה ניט. אונ דיא איבריגע נשים צדקניות האבען אויך מיט געברומט.

דיא רעבעצען איז אהיים געגאנגען אונ האט דאס דעם רב דערציילט. האט דער רב געזאגט. זייא האבען גאנץ רעכט. עס איז באמת איין גרויסע עבירה. זאגט זיא דיא רעבעצען נוא וואס זאל מען טוען? זאגט דער רב איך וועל דיר עפעס זאגען נאר זאלסט מיך פאלגען. נעם מיין זילבערנעם קאסטען פון מיין שפאנקען. אונ מיינע פאר זילבערנע בתים פון מיינע תפלין. אונ מיין פארקאפען פוטער. אונ דיין גאלדענע קאנעק מיט דעם שוירשטיק. אונ דיא צווייא שנורלעך קרעל. אונ גייא אונ פארג דיר געלד. וועלין מיר זיא גאר צום ערשטען שיין באקליידען. דען איבריג שיין איז זיא דאך ניט. אונ זעהר קלוג אויך ניט. אונ א שווארצע מאס נאקעט אונ בארוועס גיט זיא. נוא ווער זאל זיא וועלין נעמען? אונ אז זיא וועט זיין זעהר שיין באקלייד וועט זיא דאך אנדערש אויס זעהען. וועט זיך גישווינד טרעפען איין שידוך.

דיא רעבעצען איז גיגאנגען אונ האט פערזעצט דיא משכנות אונ האט געבארגט קן זהובים. דאס איז הונדערט אונ פופציג גולדען. האט דער רב גיזאגט מען זאל זיא הערליך באקליידען. בין פופציג גולדען זאל מען זיא באקליידען. זיא זאל זיין באקלייד פון קאפ ביז פוס. אונ אויך א נגידישע נדן וועט זיא האבען. די גאנצע הונדערט גולדען וועל איך איהער געבען נדן. דאס זיא זאל זיך ניט האבען צו שעמען צווישען אלע נגידישע מיידלעך פון גאנצען שטעטיל. דען מיט מלבושים. ונדן מיט נדן. זא וועט זיך שוין א שידוך אויך טרעפען.

מען האט אזויא גיטוען. מען האט איהר גימאכט א שיין קלייד פון באשטשיג צו דרייא פיעס אין אייל. א פאר העמדער. א פאר זעקס פיעס א פאר שיך. א רויטע פארטשיילע. א פארטוך. בקיצור מען האט דעם בערענווייבער באקלייד. דאס זיא אוס געזעהען וויא





דער שעיר המשתלח. אונ דאס גיהאט א חן וויא א שור הנסקל!

אונ וויא זיא וואר שוין זא הערליך באקלייד זא האט דער רב גיזאגט. נוא גילויבט איז השי"ת זיא איז ב"ה זעהר נגידיש באקלייד אונ איהר נגידישער נדן איז ב"ה גרייט.

יעצט דארפען מיר קלערען פאר איהר א שידוך. ווען עס וועט אויך ניט זיין איין חתן פון שיין כעכער. וועל איך אויך הרוגה מאכען.

זא האבען זיך אנידער גיזעצט דער רב דיא רעבעצען דער בית דין משמש. אונ דער שוהל משמש. דער שוהל קלאפער. דער תלמוד תורה מלמד. דער מקורניק. ר' נחום טרייבטשער. ר' טראמטער נאמן פון דיא יאטקע. אונ נאך עטליכע זאלכען גרויסע חכמים אונ האבען גיקלערט אונ געהאלטען עצות וועגען א שידוך פאר דיא בהמה. מען האט אבער גאר ניט ערקלערט. דען וועמען מען האט גיוואלט רעדען דעם שידוך מיט דער מרכה שבא. האט דער שדכן מורא גיהאט אהין צו גייען. דעם אנשלאק צוא געבען. דאס יענער זאל איהם ניט ארויס ווארפען. אדער דעם קאפ צוא האקען פאר זיין שדכנות.

אין דעם זעלבען שטעטיל האט זיך גיפונען א יונג. ער האט גיהייסען שמעון. נאר מען האט אויף איהם גישריגען שימכע. אונ ווייל ער איז געגאנגען נאקעט אונ בארוועס. נאר מיט א שטיקעל פלאכטע צו גידעקט זיין לייב. זא האט מען אויף איהם געשריגען שימכע פלאכטע. איהם האט דיא גאנצע שטאט גיקענט. דען ער וואר איין וואסער טרעגער. ער האט זיין אייגענם גיהאט א פאר שאנגעס. מיט א פאר קאנען. אונ מיט דעם שטיקער פלאכטע וואס ער איז גיוועזען איינגעהילט. דאס וואר זיין גאנץ פערמעגען. ער וואר קיין גרויסער חכם אונ קיין קליינער נאר. ער האט קיין שכל גיהאט צו קיין שום זאך נאר צו עסען אונ צו וואסער טראגען. ער האט גיטראגען זעקס קאנען וואסער פאר א שטיקעל ברויט. אונ גרויס אונ קליין אונ יונג אונ אלט האבען איהם גיקענט. אונ זיין כנהג וואר אזויא. אלע דאנערשטאג בייא נאכט. אונ אלע ערב יו"ט האט ער ביי דיא דינסט מיידען גיטראגען וואסער. אונ זאמד. אונ האט גיהאלפען אן רייבען דיא לייכטערס. דיא גאפער כעהר. פאר דעם האט ער גיקריגען א ווישגראבעק. ער האט אגאנץ יאהר געטראגען וואסער אונ גיהאקט האלץ בייא איין בעקער פאר דעם האט מען איהם גילאזט שלאפען אויף דעם פריפעטשעק אונ ווען עס וואר איין

חתונה אדער אין סעודה. זא האט ער גיארבייט וויא א פערד. וואסער גיטראגען. האלץ גיהאקט. פאר דעם האט מען אים גיגעבען דיא טעלער אב צו לעקען. זומער אונ ווינטער איז ער גיגאנגען נאקעט אונ בארוועס. נאר שטענדיג איינגעהילט אין זיין שטיקער פלאכטע. אונ אנדערש האט מען איהם ניכט גערופען נאר שימכע פלאכטע.

אונ וויא דער רב מיט זיין מעסיע זענען גיזעסען אויף דעם קאנקערעס. אונ האבען גיקעדערט וועגען א שידוך פאר דער איינע בהמה. זא איז דעם שוהל קלאפער איין גיפאלען דעם שימכע פלאכטע וועט פונקט פאסען צו זיין איהר חתן. מתחלה האבען אלע אנגעהויבען צו לאכען. דער נאך אבער האבען זייא זיך מיישב גיוועזען דאס עס ווירד נאך זיין איין גרויסע מצוה. דען ער איז שוין אלט פערציג יאהר. אונ איז גיבליבען נאקעט אונ בארוועס. יעדער וועט איהם נעהמען? אונ זיא וועט אויך קיינער ניט וועלען נעהמען. אלסדאן האבען אלע מסכים גיוועזען אויף דעם שידוך. נאר דאך האבען זייא מורא גיהאט צו גיין צו שימכע אנשלאגען דעם שידוך דאס ער זאל זייא ניט געבען א שווארצען סוף. זא האט דער רב גיזאגט צו זיין משמש גייא אונ רוף שימכען אהער צו מיר. אונ זאג גאר ניט נאך וואס. דער משמש איז גיגאנגען אונ זאגט צו שימכען. דער רב האט גיהייסען דוא זאלסט קומען.

וויא דער משמש איז גיגאנגען צו שימכען האט דער רב דער ווייל גיהייסען דאס דיא רעבעצען זאל באקליידען דיא כלה מיט דיא נייע הערליכע מלבושים וואס מען האט איר גימאכט. אז שימכע וועט קומען זאל זיא שוין זיין בעקליידט פון קאפ ביז פוס. מען האט אזויא געטוהן. שימכע פלאכטע איז געקומען איינגעהילט אין זיין פלאכטע אונ דיא שאנגעס מיט דיא קאנען אויף דיא פלייצעס. וויא ער איז אריין געקומען צום רב אין דער פאדער שטוב אונ האט גיוואלט אריין גיין צום רב. זא זאגט דיא רעבעצען צו אים. ער זאל איבער לאזען דיא שאנגעס מיט דיא קאנען אין דיא פאדער שטוב. דען עס פאסט ניט אריין צו גיין צום רב מיט דיא קאנען. זא וויל ער ניט. אונ זאגט דאס איז מיין גאנץ פערמעגען. קען איך דאס ניט איבער לאזען. אונ ער נעמט זיך דיא שאנגעס מיט דיא קאנען אויף דיא פלייצעס אונ גייט אריין צום רב.

דער רב גיבט איהם א שיינעם ברוך הבא אונ זאגט צו אים. הער נאר מיין ליבער שימכע. פאר וואס טוסט דוא ניט קיין שידוך? איז דען דאס א שטיינער א מענש זאל זיצען פריילידיג. בייא אונס

יודען



יודען פאר מען ניט אזויא. יעדער יוד מוז נעמען א ווייב.'

ענטפערט שימכע מיט זיין גראב פויריש קול: רבי! רבי! איך האב גמיינט איר זענט קלוג ווייל איר האט אמאנדערע רעפעק. לסוף זענט איהר נאר א בהמה. אונ איהר רעט וויא א שוואנגין מלמד. נאר אן שכל. הערט נאר. איהר זאגט אז איך זאל א שידוך טוהן. נוא נוא. ווער וועט דאס מיך וועלן נעמען? אפילו איינע פון מיטט אראפ וועט מיך אויך ניט נעמען אונ ער רעקט זיך אויף דאס שטיקער פלאכטע. אונ ווייזט דעם רב דאס ער איז נאקעט. אונ זאגט ווערט איהר איך בין נאקעט איך האב ניט מעהר אין מיין פערמעגען וויא דאס שטיקער פלאכטע מיט דיא קאנען. איין גראשין געלט האב איך ניט. אונ דאוועגען קען איך ניט וויא אס בעטטען. דען ווען מיינע עלטערן זענען גישטארבען בין איך גיוועזין א קינד. נוא ווער וועט מיך וועלן נעמען?

זאגט דער רב. ווערסט דוא שימכע איך האב פאר דיר איין גאנץ שיינע נגידישע כלה מיט זעהר פיל געלד. אונ ער גיבט א ווינק צו דיא רעבעצען. האט זיא דיא נגידישע כלה אריין גיברענגט. איינגעהילט אין א רויטען פארטשויל וויא איין אינדיק. אונ דר רב האט גיוויזען שימכען דיא שיינע פיגור. אונ האט גיזאגט. ווערסט דוא אזוי איין שיין מיידעל וויא זיא איז. דס איז איין זעלטעניהייט צוא גיפונען. בעטראכט דיר נאר זיא. זעה נאר איהר הערליך בעקליידונג אונ זיא האט אויך איין אוצר געלד איהר איינענם. אונ דער רב מאכט אויף א שפלאד פול מיט קופער געלד דס וואר דיא הונדערט גולדען נדן. אונ ווייזט איהם אונ זאגט 'ווערסט דוא, אונזער שררה וואס דיא שטאט איז זיין. האט ניט אזויא פיל געלט.

וויא שימכע האט דער זעהן דיא נגידישע כלה מיט דעם אוצר געלד. זויא האט ער א שפרונג גיטוהן צום רב. אונ האט גישריגען רבי! רבי! שוין. שוין איך וויל זיא שוין נעמען פאר א ווייב. איך האב אייך ליב.

זאגט דער רב ניין מיין קינד. יעצט קען מען מאכען איין תקיעת כף. אונ איך ווער דיך אביסעל באקליידען. אונ דער נאך ווירד מען מאכען תנאים צו מזל. אונ דער נאך וועסט דוא מיט איהר חתונה האבען. ווירד זיא זיין דיין ווייב.

זאגט שימכע. ניין רבי גיבט מיר דא ערשט פאר א ווייב אונ איין אנדערש מאל ווירד מען תנאים שרייבען. בקיצור דער רב האט גישיקט נאך דעם חזן. אונ נאך איין עולם. אונ מען האט

צונאגד

צונאנד גישאפט פון שטעטיל איין אלט מלבוש א העמד . א פאר הויזען . א פאר שיך מיט זאקען . איין קאפעליש . א גארטעל . אונ מען האט שיכען באקלייד פון קאפ ביז פוס . אונ מען האט צו גרויס מזל תנאים גישריבען . אונ דער רב האט גיגעבען שיכען צוויא גולדען ער זאל דיא כלה געבען חתימה געלד . אונ איהר האט ער גיגעבען צוועלף אייערען אנקע זיא זאל דעם חתן געבען א מתנה אויף א שבת מלבוש . אונ מען האט גימאכט זע״ר א פרייליכע תנאים . אונ די חתונה הט מען אנגילייגט אויף א גאנץ קליינע צייט . אונ פון דיא אנקע האט מען גימאכט דעם חתן א חתונה מלבוש .

אין עטליכע טעג פאר דיא חתונה . איז דיא רעבעצין מיט נאך עטליכע פרומע ווייבער גיגאנגען אין דיא הייזער . אונ האבען צונאנד גנומען עטליכע העמדער אונ עטוואס באקליידונג פאר דעם חתן . אונ פאר דיא כלה . אונ יעדע יודענע האט גיגעבען אביסעל פעדערין אונ מאנכע האט גישענקט איין אלטע ציך . מאנכע איין אלטע איינשיט ביז עס איז גוואהן בעטגיוואנט פר דעם חתן מיט די כלה.

דעם שבת פאר דיא חתונה האט דער רב גילאזט אוים רופען דאס יעדער איינציגער זאל קומען אויף דיא חתונה . אונ עס איז אויך אזויא גיוועזען . דאס גאנצע שטעטיל גרוים אונ קליין . ארעם אונ רייך זענן גיקומען . מאנכע זענן גיקומען אויף איין טעאטער צוא נאבען . מאנכע זענען באמת גיקומען לשם מצוה . בקיצור עס איז אפילו קיין קינד אין דער היים גיבליבען . נאר אלע זענען גיקומען אויף דיא חתונה .

צום דרשה גישאנק האבען מענשען גישענקט א קארין קארשאפעל , אונ מאנכער א פערטעל ארבעס . מאנכער הירז. מאנכער קאשע . מאנכער א האלבען גארניעץ פוטער . איינער פון דעם עולם האט גישענקט א האלב יאהר דירה. בקיצור עס איז צונאנד גקומען עסענווארק אויף א האלב יאהר . אונ דירה האבען זייא אויך גיהאט אויף א האלב יאהר . אונ דיא פרומע ווייבער האבען צונאנד גישטעלט . איין אלט שענקעל . א בענקעל . א שעפער . אביסעל גיפעס טעללעכעס מיט פרישעקס . עס האט גאר ניט גיפעלט . דען אפילו דיא מענשען וואס זענען גיקומען . אויף דיא חתונה ניט לשם מצוה נאר אויף גילעכטער . פון דעסט וועגען האבען זייא זיך גילאזט קאסטען . דען פון איין דבר מצוה איז זיך דאך איין יוד ניט פורש . בקיצור עס איז גיוועזען זעהר איין פרייליכע חתונה אונ מען האט

ניטוען



ניטוען וואס נור מעגליך וואר . אז דאס יונגע פאר פארק זאל גוט בעהאנדעלט ווערען .

אונ דער רב האט איין באפעהל גימאכט . דאס קיין מענש זאל ניט ניטוען פון שיכען קיין קאן וואסער בחנם . אונ ניט געבען פאר זעקס קאנען וואסער א שטיקעל ברויט . נאר יעדער בעל הבית זאל געבען אם ווייניגסטען פאר יעדער קאן וואסער איין גראשין . דען ער האט דאך שוין איין ווייב מפרנס צו זיין . בקיצור דער רב מיט דעם שטעטיל האבען ניטוען אלדעם מעגליכקייט . אונ פארזארגט דיא ביידע יתומים דאס זייא זאלען האבען פרנסה.

מארגען פריה נאך דיא חתונה האט דער רב גימאכט איין פריהשטיק פאר דעם יונגען פאר פארק . אונ מען האט זייא אריין גיפירט אין זייער אייגענע דירה. אונ דיא פרומע ווייבער האבען אלין פערשאפט צום ווערטשאפט וואס מעגליך וואר . אונ אלע טאג פון דיא שבעת ימי המשתה . האט איין אנדערער בעל הבית גימאכט איין סעודה .

וויא דיא שבעת ימי המשתה האבען זיך שוין אוים גילאזט . אזו האט דר רב גילערנט שיכען . ער זאל דאס ווייב גוט באהאנדלען. אונ דיא רעבעצין מיט נאך אנדערע פרומע ווייבער האבען זיא גילערנט ווי זיא זאל זיך נוהג זיין . הן מיט יודישקייט . והן מיט איר מאן . זיא זאל גוט ווערטשאפט פיהרען . אונ זייער אוצר קופער געלט דיא הונדערט גולדען נדן האבען זייא גיהאט ביא זיך אין גישלאסען אין קאסטען .

ר׳ שיכע פלאכטע מיט זיין מאדאם ווארין יעצונד גליקליכער וויא רויטשילד . דען לעבמיטעל האבען זייא גיהאט פארראטה אויף עטליכע חדשים . אונ דירה פרייא אויף א האלב יאהר . אונ אזא פיל געלט אין באארען וויא איין באנקיער . זייא האבען זיך אונגישטיסט . יעצט וועלין מיר ערשט לעבען מיט חשק .

אלזא האט זיך ר׳ שיכע גענומען צום תכלית . אונ האט גיזאגט צו זיין מאדאם . מיין ליב ווייב אלין געפעלט מיר גוט . נאר איין זאך גיפעלט מיר ניט . דוא זאלסט וויסען דאס דיא טעפ מיט דיא שיסלען גיפעלין מיר ניט . זייא זענען גוט פאר קליינע קינדער אבער ניט פאר אונז . אלס דען גייא אין מארק אונ ברענג דיא אלע גרעסטע טעפ מיט שיסלען . מיט דיניצעס וויא עס פאר אונז זאל פאסען . דיא מאדאם פלאכטען האט זיך ניט געבעטען . אונ איז גיגאנגען אונ האט גיברענגט טעפ פון צוויא מאל רעדען .

צוויא

צְווייא שְׁטָאק הויך . שִׁיסְלֶען וִויא דִיא שֶׁעפֶּער. אוּנ רִינִיצֶעם וִויא דִיא צֶעבֶּערְם : אוּנ מֶען הָאט גִיקָאכְט אוֹיף אֵיין מָאל צְווייא דְרַייא טֶעפּ צְווייא שְׁטָאק הויך אוּנ זֵייא הָאבֶּען זִיךְ נִיט אִיבֶּער גֶעגֶעסֶען . אוּנ וִויא בַּאלְד מֶען הָאט נָאר דָאס אוֹיף גִיגֶעסֶען . זָא פָּארְט הָאט מֶען נִיט לַאנְג גִיוַוארְט . נָאר מֶען הָאט וַוייטֶער גִיטְרַאכְט אוֹיף תַּכְלִית . דָאס מֶען זָאל שׁוֹין צוּ שְׁטֶעקְן צוּ קָאכֶען אַנְדֶערֶע טֶעפּ . מֶען הָאט נִיט לַאנְג מַפְסִיק גִיוֶועזֶען פוּן אֵיין קָאכֶען צוּם אַנְדֶערְן . דֶען וֶועמֶען וַואר דֶען אַזוֹיא וָואהל וִויא דֶעם הֶערְר פְּרַאכְטֶע מִיט זַיין כַּאדַאם ? בְּקִיצוּר דָאס וֶוערְטְשַׁאפְט אִיז אַזוֹ גִיפִירְט גִיוָארֶען עֶטְלִיכֶע וָואכֶען . בִּיז דִיא מַאדַאם הָאט גִיזֶעהֶען דָאס עֶס גֵייט אַרָאפּ פוּן קוֹישׁ . עֶס ווִירְד וָואס אַ מָאל וֵוייניגֶער . זָא הָאט זִיא צוּא אִים גִיזָאגְט . מַיין לִיבֶּער מַאן , נֶעם דִיא שַׁאנְגֶעם מִיט דִיא קַאנֶען אוּנ גֵייא אִין שְׁטֶעטִיל טְרָאגֶען וַואסֶער . ווִירְסְט פֶערְדִינֶען . ווִירְד מֶען דָאס גֶעלְד פוּן פֶערְדִינְכְט הָאבֶּען גְרֵייט אוּנ וֶוען אוּנְזֶער עֶסֶענְוַוארְק כִּיט אוּנְזֶער גֶעלְד וֶועט זִיךְ הָאבֶּען אוֹיס גִירָאזְט . וֶועלְן מִיר פוּן דֶעם פְרִישֶׁען גֶעלְד ווִידֶער קוֹיפֶען צוּ עֶסֶען וֶוען אָבֶּער דוּא וֶועסְט נִיט פֶערְדִינֶען . אוּנ דָאס בִּיסֶעל וָואס מִיר הָאבֶּען ווִירְד זִיךְ אוֹיס לָאזֶען . זָא וֶועלְן מִיר שְׁפֶּעטֶער כּוֹסֶען הוּנְגֶער לֵיידֶען .

ר׳ שִׁימְכֶע הָאט דָאס גִיהֶערְט . הָאט עֶר צוּא אִיהר גִיזָאגְט . מַיין לִיב וַוייבּ , הָאבּ אִיךְ דֶען חֲתוּנָה גִיהַאט . דָאס אִיךְ זָאל וַואסֶער טְרָאגֶען ? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גִינוּג וַואסֶער גֶעטְרָאגֶען פוּן קִינְדְהַייט בִּיז צוּא דִיא חֲתוּנָה . מַיינֶע פְּלֵייצֶעם קֶענֶען שׁוֹין דִיא שַׁאנְגֶעם מִיט דִיא קַאנֶען נִיט עֶרְטְרָאגֶען . אִיךְ הָאבּ גִימֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבֶּען . וֶועל אִיךְ שׁוֹין נִיט בְּרוֹיכֶען אַזוֹי שְׁוֶוערֶר צוּ אַרְבַּייטֶען . וֶוען אִיךְ מֶערְכְט דָאס וִויסֶען . מֶערְכְט אִיךְ נִיט חֲתוּנָה גִיהַאט .

זָאגְט זִיא נֵיין מַיין לִיבֶּער מַאן . יֶעדֶער מֶענְשׁ מוּס אַרְבַּייטֶען . וֶוער עֶס אַרְבֵּייט נִיט . דֶער הָאט נִיט צוּ עֶסֶען . זָאגְט עֶר פַר וָואס דֶער רָב וָואס דוּא בִּיזְט בַּייא אִים גֶוועזֶען . עֶר אַרְבֵּייט דָאךְ גָאר נִיט אוּנ הָאט דָאךְ צוּ עֶסֶען . זָאגְט זִיא עֶר אִיז דָאךְ אַ רָב . אוּנ אַ גוּטֶער יוּד . אוּנ דוּא בִּיזְט קֵיין רָב אוּנ קֵיין גוּטֶער יוּד . זָאגְט עֶר דוּא בִּיזְט דָאךְ בַּייא אִיהם גִיוָוארְן אוֹיף גִיצוֹיגֶען . וַוייסְט דוּא דָאךְ זַיין מִנְהָג וִויא עֶר אִיז זִיךְ נוֹהֵג . זָאג מִיר וֶועל אִיךְ אוֹיךְ אַזוֹיא טוּעֶן . וֶועלְן מִיר אוֹיךְ הָאבֶּען פַּרְנָסָה . אוּנ אִיךְ וֶועל נִיט בְּרוֹיכֶען וַואסֶער צוּ טְרָאגֶען . זָאגְט זִיא עֶרְשְׁטֶענְס עֶר גֵייט אִין אַ וַוייסֶע יוּפֶּעצֶע : אוּנ גִיגַארְטֶעלְט אִין אַ לַאנְג וַוייס הַאנְדְטוּךְ . אוּנ אַ גְרוֹיסֶען סְפָּאדֶעק

אוֹיף



אוֹיף דֶעם קָאפּ . אוּנ אַ גְרוֹיסֶען שְׁטֶעקְן מִיט אַ וַוייסֶען קָאפּ . אִיךְ ווֵייס נִיט וָואס דָאס אִיז . עֶס אִיז גִיווִיס פוּן בֵּלֶעךְ . אוּנ עֶר נִיצְט אִיבֶּער אַ גְרוֹיסֶען לַאנְגֶען סִידוּר אוּנ שָׁאקְלְט זִיךְ אוּנ שְׁרֵייט . אוּנ אַז עֶר דַאוֶוענְט לוֹיפְט עֶר אַ הִין אוּנ אַ הֶער אוּנ פַּאטְשְׁט מִיט דִיא הֶענְד אוּנ מַאכְט גִיוַואלְטֶען דָאס מֶען הֶערְט פוּן וַוייטֶען . אַזוֹי קוּמֶען אַרַיין יוּדֶען אוּנ גֶעבֶּען אִיהם גֶעלְט , אַזוֹי בְּרוֹיךְ עֶר נִיט צוּ אַרְבֵּייטִין .

וִויא ר׳ שִׁימְכֶע הָאט דָאס גִיהֶערְט . הָאט עֶר גֶעזָאגְט נִיט קָשֶׁה מַיין לִיבּ וַוייבּ . דוּא זָאלְסְט נָאר מִיךְ פָאלְגֶען וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִיט בְּרוֹיכֶען וַואסֶער צוּ טְרָאגֶען . אוּנ מִיר וֶועלִין הָאבֶּען צוּ עֶסֶען אוּנ צוּ טְרוּנְקֶען נָאךְ בֶּעסֶער וִויא דֶער רָב . דֶען דִיא זַאכֶען וָואס דוּא רֶעכֶענְסְט מִיר אוֹיס . קֶען אִיךְ בֶּעסֶער וִויא עֶר . דֶען פַּאטְשֶׁען מִיט דִיא הֶענְד קֶען אִיךְ בֶּעסֶער וִויא עֶר . לוֹיפֶען אַהִין אוּנ אַהֶער קֶען אִיךְ אוֹיךְ גֶעשְׁווִינְדֶער וִויא עֶר . אוּנ שְׁרֵייעֶן קֶען אִיךְ אַז מֶען וֶועט מִיךְ הֶערֶען פוּן אֵיין עֶק שְׁטָאט צוּם אַנְדֶערֶען עֶק . נָאר בְּלוֹיס דָאס אֵיינְצִיגֶע וָואס אִיךְ קֶען נִיט אִין דֶעם לַאנְגֶען סִידוּר . דָאס מַאכְט נִיט אוֹיס . וֶוען מֶען קֶען נָאר פַּאטְשֶׁען מִיט דִיא הֶענְד . אוּנ לוֹיפֶען אַהִין אוּנ אַהֶער . אוּנ שְׁרֵייעֶן אוּנ שָׁאקְלֶען . אִיז שׁוֹין גַאנְץ גִינוּג , נִיט קָשֶׁה מַיין וַוייבּ . מִיר וֶועלֶען לֶעבֶּען מִיט חֵשֶׁק . נָאר פָאלְג מִיךְ . גֵייא אוּנ לָאז מִיר מַאכֶען אַ וַוייסֶע יוּפֶּעצֶע . לַאנְג אוּנ בְּרֵייט . אוּנ פַאר זָארְג מִיר אַלְץ וָואס דוּא וַוייסְט וָואס דֶער רָב הָאט . אוּנ עֶס וֶועט זֶעהר גוּט זַיין .

דִיא קְלוּגֶע מַאדַאם הָאט גֶעפָאלְגְט . אוּנ הָאט גֶעקוֹיפְט וַוייסֶע בְּרֵייטֶען קְרֶעפֶּעם אוּנ הָאט גִילָאזְט מַאכֶען אַ לַאנְגֶע יוּפֶּעצֶע . מִיט גַאנְץ לַאנְגֶע אַרְבֶּעל . מִיט מֶעשֶׁענֶע הָאקֶענְס . אוּנ אַ וַוייס הַאנְדְטוּךְ פוּן פִינְף אֵיילֶען פַאר אַ גַארְטִיל . אוּנ זִיא הָאט גִיווִיסְט דָאס בַּיים רָב אוֹיף דֶעם בּוֹידֶעם לִיגְט אֵיין אַלְטֶער סְפָּאדֶעק נָאךְ פוּן תֶּרַח׳ם צַייטֶען . אִיז זִיא גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט דֶעם סְפָּאדֶעק גִיבְּרֶענְגְט . אוּנ הָאט גִינוּמֶען דֶעם דְרָאנְג פוּן דִיא פָּאמְיֶעטְלֶע . אוּנ הָאט פוּן אוֹיבֶּען גִילָאזְט מַאכֶען בַּייא אֵיין בְּלַאכַארְז אַ וַוייסֶען בְּלֶעכֶענֶען קָאפּ , ר׳ שִׁימְכֶע הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּהן דִיא בְּגָדִים . וִויא עֶר הָאט זִיךְ דִיא בְּגָדִים אָן גִימָאסְטֶען . זָאגְט עֶר צוּ אִיהר . נוּא וִויא מַיינְסְט דוּא בִּין אִיךְ שׁוֹין אַ פַארְטִיגֶער רָב ? זָאגְט זִיא יָא . נָאר אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער לַאנְגֶער סִידוּר פֶעהלְט נָאךְ . זָאגְט עֶר גֵייא אַהִין צוּם רָב . דָארְט אִיז דָאךְ אַ גְרוֹיסֶער שַׁאנְק פִיל מִיט סִידוּרִים . זוֹיא בְּרֶענְג צוּ שְׁלֶעפֶּען אַ לַאנְגֶען סִידוּר . נָאר עֶר זָאל זַיין גְרוֹיס אוּנ דִיק . זִיא אִיז גִיגַאנְגֶען צוּם רָב אוּנ הָאט אַוֶועק

גִיגַנְבֶת

גינגבת איין גרויסע ש"ם גמרא און האט גיזאגט, איך האב דיר געברענגט א גרויסען סידור. יעצט פעהלט דיר שוין גאר ניט. זאגט ער גוט גוט מיין ווייב. יעצט קאך נאר אן עטליכע גרויסע טעפ. אזויא וויא פאר איין רב. עס וואר אבער שוין באלד ניט דא וואס צו עסען. עס וואר נאך אין גאנצען אויף עטליכע טעג. דען דאס וואר נאך שבועות. דיא גרעסטע טעג און זייא האבען זעקס מאהל דורך יעדען טאג גיקאכט דיא גרויסע טעפ. און א ברונע שעפט זיך דאך אויך אויס. דאך אבער האט זיא יעצט גיקאכט עטליכע גרויסע טעפ. ווייל איהר מאן איז דאך שוין געווארען א רב. וואר זיא דאך שוין זיכער דאס עס ווירד איהר שוין קיין פרנסה ניט פעהלען. זיא האט אנגיקאכט. זייא האבען זיך פעסט אנגעגעסען וויא דיא לעשניצעס.

יעצט האט זיך ר' שמחה אנגעטוהן דיא ווייסע סובע מיט דעם וואלקין בראך ספאדעק אויף דעם קאפ. און דעם פאמיעטלע דראנג אין דיא האנד. און האט זיך גיזעצט ביים טיש נעבען פענצטער און האט אויף גימאכט דעם גרויסען סידור און הט זיך גישאקעלט ווי א נידאבעם. און האט זיא גיהייסען ארוים גיין זעהען אויב עס קומען שוין מענשען מיט געלד. זיא שטייט דרויסען און ער שאקעלט זיך יאק שאקלען מאק שאקלען קיין הונד קומט אויך ניט. בקיצור ער האט זיך עטליכע טעג נאר געשאקעלט. קיינער איז אבער ניט געקומען. און דאס נאכט עסען וואס זייא האבען יעצט גענעסען וואר שוין דאס לעצטע ביסעל גראפלך. מעהר איז שוין ניט גיוועזען אין זייער הויז נאר א קליין ביסעל קארטאפלעס. אויף מארגען אויף איין אנבייסען.

וויא זייא האבען אויף גיגעסען דאס נאכט עסען. האט זיא געזאגט. וואס וועלין מיר ווייטער טאן? מיר וועלין מארגען פריה אויף עסען דאס לעצטע ביסעל קארטאפעל וועלען מיר מוזען הינגער לידען. דען מיר וועלען שוין ניט האבען וואס צו עסען. דוא זעהסט דאך דוא שאקעלסט דיך. און שאקעלסט דיך און עס קומט דאך קיינער ניט. זאגט ער מען ווייס דאך נאך ניט פון מיר אז איך בין א רב. עס האט מיך דאך נאך קיינער ניט געזעהען אין רבנישע מלבושים. איך וועל מארגען גיין דאווענען אין בית המדרש. וועט מען מיך זעהען וועט מען שוין צו מיר קומען. נאר גידענק אז איך וועל אוועק גיין דאווענען. זאלסט דוא ניט דער ווייל אויף עסען דיא גאנצע קארטאפעל. זאגט זיא גיין. איך וועל אפקאכען און וועל דיר

איבערלאזען



איבערלאזען. נאר אז דוא וועסט דיך לאנג זוימען. וועט מיט הונגערן וועל איך אין גאנצען אויף עסען. דען עס איז ווייניג דא. און איך קען ניט קיין נויט לידען.

מארגען פריה האט זיך ר' שמחה אויף געהויבען. און האט זיך אנגעטוהן זיין גרויסען ספאדעק מיט דיא ווייסע לאנגע יובעצע מיט דיא ברייטע ארבעל וויא א זאק א לאנג ווייסע האנדטוך ארום גינארפעלט. און א פאמיעטלע דראנג אין זיין האנד. דעם טלית ותפילין אונטער דעם ארעם. און נאך אמאל אנגיזאגט זיין ווייב זיא זאל ניט ח"ו אויף עסען דאס גאנצע אנבייסען. און איז אוועק גנאנגען. וויא ער איז געקומען אין מארק אריין. איז געווארען א גרויס געלויף און א שרעקליך געשרייא. מען האט גימיינט א טייוועל גייט. וויא מען האט ערזעהען אז דאס איז שמחה פלאכטע זא איז גיווארן א גרויס גישרייא. דיא גאנצע שטאט יונג און אלט זענען געקומען צו לויפען. ער האט זיך ניט גיקאנט אביאגען פון זייא ער איז קוים מיט דעם לעבען ענטקומען. און איז געלאפען אין בית המדרש אריין.

וויא דיא בחורים מיט דיא בית המדרש לייט האבען איהם דערזעהען. זא קען מען זיך גוט מערקען. וואס דארט האט זיך געטוהן וויא נאר איין אלטער קאפעליש. איין פאנטאפעל. איין לאטש. א סמאטע. האט ער אלין גיקרוגען אין זיין קאפף. ער איז קוים מיט דעם לעבען ענטקומען אוים דעם בית המדרש. וויא ער איז ארוים גיקומען. זא האבען שוין אויף איהם געווארט אגאנצע מחנה לאבוסעס יונגע אויך אלטע. דיא געוואלטען מיט געלאכטער וואר זעהר שרעקליך. ער האט געוואלט דאווענען. נאר ער האט זיך ניט געקענט אב יאגען. זויא איז ער אנטלאפען אונטער דיא שטאט. זייא האבען איהם א שטיק וועג נאך געיאגט. און ער איז זעהר ווייט אנטלאפען ביז צום וואלד. עס וואר פינעף ווארשט אונטער דער שטאט. דיא נאך יעגערם דיא לאנוסעס זענען צוריק געגאנגען און ער איז געלאפען א שטיק אין וואלד אריין און האט גילייגט טלית און תפילין און האט זיך איינגעהילט אין טלית איבער דעם קאפף און די ווייסע יובעצע האט ארוים געפינגעלט, און האט זיך גישטעלט ביי א גרויסען בוים און האט זיך זעהר געשאקעלט און נידאוונט.

דער שררה וואס דאס שטעטיל איז זיין געוועזען. וואר א גרויסער גראף. און האט געהאט זעהר פיל דערפער און שטעט. און וואר אויך איין גרויסער מיניסטער. ווען עס איז געוועזען אין

קאנקערט ביים מלכות האט מען נאך אים געשיקט. אונ דער שדרה האט געוואהנט עטליכע וויארשט פון דעם וואלד. ער האט זעהר געליבט צו רייטען אויף דיא יאגט דאס הייסט צו רייטען אין וואלד אונ שיסען חיות אונ ער האט געהאט איין רייט פערד וואס עס איז געוועזען ביא איהם געשאצט וויא דאס אויג אין קאפ ווי ער איז אין וואלד גירייטען שיסען חיות, האט ער דאס פערד אנגעבינדען ביא איין בוים. אונ ער איז מיט זיין ביקס געגאנגען אין וואלד שיסען. ווי ער איז שוין צוריק געגאנגען אונ האט געוואלט אהיים רייטען. זא איז דם פערד שוין ניכט דא געוועזען. עס האט אים זעהר געקרענקט. אונ ער איז געלאפען אין וואלד אריין זוכען זיין פערד. ער וואר זעהר ערהיצט. דען עס וואר דעם טאג זעהר א גרויסע היץ. ווי ער האט געזוכט. הט ער פון ווייטען ערזעהן איין איינגעהילטען מענש אין איין טלית אין ווייסען בעקליידעט. אונ האט זיך זעהר גשאקעלט. אונ דער שדרה וואר זעהר געלערנט האט ער געוויסט פון דיא ביכער וואס ער האט געלעזען אין זיין ביבעל. דאס פארצייטענס האבען דיא גרעסטע לייט געלערנט אונ געדאוועט אין דיא וועלדער. משה רבינו ע"ה האט געלערנט אין וואלד. דוד המלך ע"ה, אליהו הנביא, אונ נאך גרויסע לייט נביאים. חכמים. תנאים. די אלע האבען געלערנט אונ געדאווינט אין דיא וועלדער. אונ וויא דר שדרה האט דא ערזעהען איין מענש איינגעהילט אין טלית ותפילין אונ אין ווייסען בעקליידעט. האט ער געוויסט דאס מוז זיין איין זעהר גרויסער מאן. איין פערבארגענער צדיק. אדער א נביא, ער האט געווארט ביז ער האט זיך אויס געדוקט שמונה עשרה. זא האט זיך דער שדרה געביקט אונ גנייגט אונ האט געפרעגט ווער ער איז. האט שימכע געזאגט. איך בין דער פאדראבין פון נארקאוו. זאגט דער שדרה. איך גלויב אז דו ביסט פון נארקאוו. אבער ניט איין פאדראבין. דען איך קען דעם ראבין פון נארקאוו. ער ברויך צוא זיין דיין משרת. בקיצור דער שדרה זאגט. ליבער פאדראבין איך ווייס גוט. דאס ווען דו קומסט אין וואלד אריין דאווענען. זא ביסט דוא גאנץ גרויס. אויבוואהל דוא ביסט איין פאדראבין. אבער דאס איז נאר פאר מענטשען. זיא זאלען ניט וויסען דעם אמת וויא גרויס דוא ביסט. אלס דען בעט איך דיך. מיר איז הייטע אין וואלד פערלוירען געווארען איין פערד. וואס איך מעכט ליבער איין דארף פערלירען. איידער דאס פערד. אלזא בעט איך דיך זאג מיר וויא דאס פערד איז.



שימכע איז געשטאנען אין איין ציטערניש. ער האט מורא געהאט. דאס זיין חייב זאל ניט דערוויל אויף עסען דעם רעטצעפען טאפ קארטאפעל. האט ער זיך זעהר געאיילט אהיים צוא לויפען. האט ער געוואלט דעם שדרה וויא אם געשווינדסטען פטור ווערען. זא זאגט ער צום שדרה. לויף נאר גאנץ געשווינד צוא יענעם עק וואלד. דארט שטייט דיין פערד ביא איין בוים. און צווייא וועלף שטייען אונ ווילען עס צוא רייסען. עס לאזט זיך אבער ניט. נאר עס איז שוין גאנץ מיד. לויף געשווינד מיט דיא ביקס אין וואלף ווירסט דוא שיסען. אונ איין וואלף וועט אנטרונען ווערען. פון דיין ביקס.

דער שדרה איז גאנץ געשווינד אהין געלאפען. וויא דער שדרה איז נאר אוועק געלאפען. איז שימכע אויך גאנץ געשווינד אהיים געלאפען. מעהר טויט וויא לעבענדיג. וויא ער איז אהיים געקומען. האט ער זיך ארונטער בעהאלטען אונטער דעם בעט אונ האט געזאגט צום ווייב. זאלסט דיך פאר קיינעם ניט וויסען מאכען אז איך בין דא בהאלטען. דען מען ווירד באלד קומען פון שדרה. אונ מען ווירד מיך אומברענגען. דען איך האב דעם שדרה גנארט. אונ פארצייטענס איז יעדער שדרה געוועזען אין זיין שטאט וויא א מלכות. וואס ער האט געוואלט האט ער געטאן.

זאגט דאס ווייב צו איהם. דוא שוטה קריך אפיר פון בעט אונ זעץ דיך אנידער ביים טיש. דען ערשטענס עס קען זיין דאס קיינער וועט ניט קומען. אונ אז חו מען וועט יא קומען. וועט מען דיך אונטער דעם בעט אויך געפינען. בקיצור קוים מיט צרות אונ מיט לייד. זיא האט איהם אפיר געבריינגען פון בעט. ער האט זיך געזעצט צום טיש. זיא האט איהם געגעבען א שיסעל קארטאפעל. עס איז אבער ביטער וויא דער טויט. שימכע קען ניט עסען. דאס הארץ וואר איהם זעהר פערביטערט. אונ זיין בויך וואר איהם פאר שלאסען.

לאסען מיר ר' שימכע פלאכטע בלייבען זיטצען. אונ מיר גייען צום שדרה

דער שדרה איז אהין געלאפען אן יענעם עק וואלד. אונ האט געטראפען אלץ פונקט וויא שימכע האט געזאגט. דאס פערד איז געשטאנען מיט דעם קאפ צוא איין בוים. אונ צווייא וועלף זענען געשטאנען אונ האבען עס געוואלט צו רייסען. אונ מיט דיא הינטער פיס האט זיך דאס פערד געוועהרט קעגען די וועלף. עס וואר אבער

שוין

שוין זא מיר דאס דער שוים איז איהם גערינען פאן פיסק. ווא דר שררה האט דאס פון ווייטען געזעהען. האט ער גאנץ געשווינד אום געשאסען זיין ביקס האט ער איין וואלף טויט געשאסען. און דער אנדערער וואלף איז אנטלאפען. זא האט זיך דר שררה אויף גזעצט אויף זיין פערד. און איז ניט אהיים געריטען אין זיין הויף אריין נאר אין שטעטעל אריין. און ער האט צוא זיך זעלבסט געזאגט. דאס איז ניט קיין פאדראבין. דאס איז איין פאר פאן באג. און דאס איז גאר קיין מענטש. נאר איין מלאך. וויא וואהל איז מיר דאס איך האב זא איין מענטש וואוינען אין מיין שטאט. און וויא גליקליך שעטץ איך מיך דאס איך האב זוכה געוועזען איהם צוא זעהען. און מיט איהם צו רעדען. וואס מיליאנען מענטשען זענען דאס ניט זוכה. און ער איז גאנץ געשווינד געריטען. אין די יאכט קליידער געקליידעט. אין שטאט אריין. און איז גלייך געריטען צום רב. און איז אריין געגאנגען צום רב.

דער רב האט זיך גענייגט דען ער האט איהם געקענט בפרט ער האט ניט איינמאל בעקומען פון שררה א מתנה מעגבעם מאל. א קלאפטער האלץ. וויא עטליכע פערטעל וויין. מעגבעם מאל. דער רב האט דיא קאמפלימענטען געמאכט פאר דעם שררה. זאגט דער שררה צום רב. איך בעט דיך כאך קיין שום קאמפלימענטען. נאר אויגען בליק שיק נאך דעם פאדראבין. ער זאל דיא מינוט קומען. דר משמש איז געבעטן געשווינד געלאפען און האט געברענגט דעם ריכטיגען פאדראבין. עס וואר איין אלטער יוד א למדן. וויא דער שררה זעהט איהם. זאגט ער. טא ניע טען. דאס איז ניט דער. גייט און ברענגט מיר דעם ריכטיגען פאדראבין. זיי שווערען אז דאס איז דער ריכטיגער פאדראבין. און דר שררה איז געקומע אין כעס אריין. און האט געזאגט. איך פערלאנג איהר זאלט מיר אהער פירען דעם ריכטיגען פאדראבין. איר ווייסט גוט וועלכען איך מיין. דער רב האט דעם משמש גאנץ געשווינד געשיקט נאך דיא גרויסע לייט און נאך דיא דאזארעס. זייא זענען געשווינד גיקומען און האבען זיך גענייגט פאר דעם שררה. דער שררה האט צו זייא אויך געזאגט. איך בעט אייך אין גוטען עטץ זאלט מיר שיקען נאך דעם ריכטיגען פאדראבין ווען ניט זא וועל איך מיך אן ענק נוקם ונוטר זיין. זייא האבען געשיקט. וויא נאר איין למדן. איין מכבד איין חסיד. האט אלץ געמוזט קומען. דער שררה האט אבער אויף יעדען בעזונדער געזאגט. טא ניע טען. טא ניע טען. זא האבען

זייא



זייא איהם געפרעגט. יאשניע כאניע וויא זעהט ער אוים האט דער שררה געזאגט: עטץ זענט ניט ווערט. ער זאל צוא ענק קומען. עטץ זענט ניט ווערט צו זיין זיינע שטיוועל פוטצער. ער איז א גרוס לייט. און עטץ זענט קעגען איהם וויא בהמות. ער וויל אפילו ניט דאווענען מיט ענק. ער לערנט און דאווענט אין דיא וועלדער. און אז עטץ ווירד מיר איהם ניט ווייזען. וועל איך ענק פארוויסטען אזוי וויא סדום. דער עולם איז געבליבען זעהר טרויעריג. מען האט זיך ניט געוויסט קיין עצה צוא געבען. און וויא עס האט זיך נאר איין למדן געפונען אין גאנצען שטעטעל. וואר שוין דא. און דר שררה האט אלץ געזאגט. טא ניע טען. נאר וויא דער שררה האט געזאגט. דאס ער דאווענט אין וואלד. האט זיך דער בית מדרש משמש אן גערופען צום עולם שטילערהייט עס קען זיין ער מיינט שימכע פלאכטע. דען הייטע האבען דיא בחורים איהם ארוים געיאגט אוים דעם בית המדרש. האט מען ערצעהלט דאס ער איז געלאפען אין וואלד אריין. האט דער רב געזאגט צו דיא דאזארעס. מען זאל מאכען איין פרוב און שיקען נאך איהם. האבען דיא דאזארעס געזאגט צום שררה. עס איז נאך דא אין שטאט איינער. מיר וועלען נאך איהם שיקען. עס קען זיין ער איז דר זעלבער וואס דו מיינסט. זא איז דער משמש געגאנגען צוא שימכען. און האט געזאגט. ער זאל אהין גיין צום רב. דער שררה פון שטעטעל איז דארט און פערלאנגט איהם. האט שימכע בשום אופן ניט געוואלט גיין. וויא דער משמש איז צוריק געקומען און האט געזאגט ער וויל ניט קומען זא האבען דיא דאזארעס געזאגט צום שררה. מיר האבען נאך איהם געשיקט. און מיר האבען איהם געלאזט זאגען אז דו ביסט דא. און ער וויל ניט קומען.

זאגט דער שררה. ווען עס זאל זיין דער זעלבער וואס איך מיין. זא האט ער רעכט דאס ער וויל ניט קומען. דען איך בין ניט ווערט ער זאל צו מיר קומען. עטץ ווייסט גאר ניט ווער ער איז. איך ווייס יא. זא זאגט דער שררה צום עולם. פירט מיך אהין. זא האבען דיא נגידים. מיט דיא דאזארעס מיט דעם רב. דעם שררה אהין געפירט צוא ר' שימכע פלאכטע. ר' שימכע איז זיך געזעסען אין זיין הייסע יופעצע. מיט דעם טערקישען ספאדעק. מיט דעם פאמיעטלע דראנג ביים טיש איבער דעם גרויסען סידור און האט זיך געווארפען וויא א גידאכבעם. און פאר שרעק איז ער געוועזען ווייס אוים געבלאסט וויא א מת. דער שררה איז פאראוים

בית געגאנגען

גענאנגען . אונ זייא פון הינטען . וויא זייא זענען אהין געקומען . האט דער שררה אויף געמאכט דיא טיהר .

וויא דער שררה האט איהם דר זעהן . זא האט ער זיך באלד אראפ געכאפט דאס היטעל . אונ איז געפאלען כורעים ומשתחוים כעבד לפני כלה . זיי האבען דאס גזעהען זענען זייא זעהר ערשראקען אונ פערווינדערט געבליבען  וויא דער שררה האט געזעהען זיין בלאס פנים . אונ זיין פינצטער וואהנונג . אונ זיין טרויריג ווערטשאפט האט ער זיך זעהר ערצירנט אויף דעם עולם . אונ האט מיט גרויס צארען געזאגט . עטץ זענט גנבים . מערדערס . שווינדלערס . ענקער געוואהנהייט איז שוין פון לאנג . ווער ניט קיין גנב קיין שווינדלער איז . אונ ווער איין ערהרליכער וואהרהאפטיגער גאטס דינער איז דעם טוט עטץ ערמארדען . אונזער העלפער האט עטץ אויך ערמארדעט . ירמיה הנביא האט עטץ אין קאלך גרוב אריין געווארפען . זכריה הנביא האט עטץ אין בית המקדש גיהרגעט . ישעיה הנביא האט עטץ דאס מויל אויף געשניטען . אונ אים ווילט עטץ אויך אזויא טאן . האב ענק טויזענט שווארצע יאהר . עטץ וואהנט אין פאקאיעס . אונ איהם לאזט עטץ וואהנען אין א חזיר שטאל . איך וועל מיך אן ענק נוקם זיין זיין נקמה .

וויא דיא מאדאם פלאכטע האט דאס געהערט . האט זיא אויך געעפענט איהר מויל וויא בלעכים אייזעל אונ האט גזאגט (קיין ברכה אונ קיין מודה אני האט זיא ניט געקענט . גאר פויליש האט זיא יא געקענט) צום שררה אין זייערע אויגען . ניט גינוג מיר פייניגן זיך מיט הונגער . מיט נויט . אונ זייא האבען אויף אונז קיין רחמנות ניט . זא איז נאך מיין מאן ניט זיכער מיט זיין לעבען צו גיין אין דיא גאס אריין . זייא ווארפען איהם שטיינער . אין בית המדרש האבען זייא איהם געוואלט הייניטיגן טאג הרגינען . אונ זיא האט אים געוויזען דאס ביסעלע קאלטע קארטאפעל . אונ האט געזאגט . מעהר האבען מיר ניט אין הויז . אונ דאס קען ער אויך ניט עסען ווייל זייא האבען איהם היינט אזויא זעהר געפייניגט .

וויא דער שררה האט דאס געהערט . איז ער ערצירנט געווארן וויא איין טיגער . אונ האט מיט דיא ציין געקריצט . אויף דעם גאנצען עולם . אונ האט אזויא געזאגט . איך רייט יעצונד אהיים . אונ וועל באלד צוריק קומען מיט א גראמאדע פוירען . אונ וועל איינעם ביים אנדערען אין מיטען מארק לאסען געבען הונדערט שטריק . ווער עס האט נאר איהם אן גערירט . אונ איך וועל מיך

שוין



שוין צו ענק נעהמען  אונ ער האט ארויס גענומען אויס זיין טאש א גרויסע זיידענע סאקווע מיט בלויסע גאלדענע רענדלעך אונ האט איהר געגעבען . דען איהם איז ער ניט דריסט געוועזען צוא געבען אונ האט צו איהר אזויא געזאגט . דאס געלט זאלסט דו באלד אוס געבען אויף עסענוואַרק . זאלסט ניט זארגען אויף מארגען . ווארען איך וועל מארגען . אונ אפשר נאך היינט דא זיין אונ וועל דיר שוין אלין פערזארגען . עס וועט דיר גאר ניט פעהלען . אונ זאלסט מיר אויף צייכענען דיא אלע וואס האבען היינט דיין מאן געפייניגט . אונ איך וועל זייא שינדען זייער הויט . אונ האט זיך געבוקט אונ גקנייט פאר ר' שמחען אונ מיט גרויס אונטערטעניגקייט אפ געזעגענט אונ אוועק גנאנגען אונ האט געזאגט עטץ ווירד דא ניט לאנג וואהנען איך וועל אייך שוין בעזארגען העררליכע פאקאיעס . וויא עטץ זענט ווערט .

וויא אלע זענען אוועק געגאנגען . האט דער שררה צו זייא געזאגט . האב איך ענק געזאגט דאס עטץ זענט ניט ווערט דאס ער זאל צו אייך קומען . דען ער איז א גייסט פון גאט . אונ ווייל עטץ האט איהם געפייניגט וועל איך ענק אויך פייניגען . אונ איז מיט גרויס צארען פון זייא אוועק געריטען . זייא זענען געבליבען זעהר פערשעמט אונ ערשראקען . דען זייא האבען פאר דעם שררה מורא געהאט וויא פאר דעם מלאך המות . אונ זייא האבען גאר ניט געוויסט וואס דא טוט זיך מיט ר' שמחע פלאכטע .

אבער ווייל האבען זייא מיט דעם רב איין עצה געהאלטען מען זאל אהין גיין צוא שמחען מיט זיין ווייב . מען זאל זעהר בעטען . דאס זייא זאלען בעטען דעם שררה ער זאל זייא לאסען גיין . דען דער שררה קען אלע אויס הרגנען מיט דיא קינדער . וויא זייא זענען אהין געקומען צו שמחען . איז אבער אונמעגליך געוועזען צו רעדען מיט זייא . דען דיא מאדאם פלאכטע וואר פעריאכמעט ביים קומען זיא האט שוין צו געשטעלט צוועלף דרייא שטאקאדיגע טעפ מיט פרייש . קישקעס . קארטאפעל . גראפען . עס איז געוועזן א גקוואלך אויף דעם קויכען . וויא אין א בערען הויז . צווישען דיא קעסלען . אונ שמחע איז געוועזען א ספר זכרונות . ער האט דערמאנט וואס נאך מען ברויך צו קויפען צו דיא פרעם מאשין . ער האט געקוקט אויף דעם קומען איז איהם זיין הארץ ערקוויקט געווארען . קוים זיי האבען זוכה געוועזען מיט איהם צו רעדען . וויא זייא האבען איהם געבעטען ער זאל דעם שררה בעטען פאר זייערט וועגען . דאס זיך

בלעסם

בעקמס איזעל אן גערופען. יא יא. עמיץ זאלט איהם ווייטער ניט לאכען גיין דורך דיא גאס. אונ עמיץ זאלט איהם ווייטער פייניגען. ער זאל מוזען לויפען אין דיא וועלדער. זייא האבען צו געשוואוירען אז עס וועט איהם שוין קיינער קיין בייז ווארט ניט רעדען. אונ זייא וועלען אן איהם נוהג כבוד זיין. זא האט שיכבע צוא געזאגט דאס ער וועט שוין דעם שררה בעטען פאר זייערט וועגען. זא האבען זייא זיך געזעגענט מיט גרויס כבוד אונ אוועק געגאנגען, אונ דער רב מיט דיא גרויסע לייט האבען זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערן. אונ האבען ניט געוויסט צוא זייא זענען אין חלום. צוא זייא זענען וואכענדיג. דען זייא האבען דאך דעם שיכבען מיט זיין ווייב נוט געקענט. אונ דעם שררה האבען זייא אויך געקענט דאס ער איז א גרויסער חכם אונ זעהר גוט געלערנט. אונ א גראף. זא האבען זייא גאר ניט געקענט פארשטיין וואס דא טוט זיך. דאך האבען זיי געהאט מורא פאר שיכבען ער זאל ניט הייסען זייא עפעס שלעכטס טאן.

וויא דער שררה איז אהיים געקומען וואר ער זעהר פריילּיך דאס גאנצע פנים האט איהם געלויכטען פר פרייד. אונ דאס ווייב דיא גרעפין מיט דיא קינדער האבען איהם געפרעגט מיט גרויס כבוד וויא ער איז אזויא לאנג געוועזען? ער האט געמוזט געוויס זעהר א גוטע יאכט האבען. דאס הייסט ער האט געמוזט זעהר פיהל חיות שיסען. דאס ער איז אזוי פריילּיך. זא האט ער געזאגט. ליב ווייב אונ ליבע קינדער. איך האב היינטע געהאט גליק אויף דיא יאכט. דאס איז ביי מיר טייערער וויא מיין גאנץ פערמעגען אונ זי מיין גאנצער רייכטום איך שעטצע מיך גליקליכער וויא דיא גאנצע וועלט. אונ דוא מעגסט דיך אויך שאטצען גליקליך מיט די קינדער דורך דעם היינטיגען גליקליכען טאג וואס איך האב היינט געווינען אויף דיא יאכט איך האב היינט געפינען איין אוצר וואס מיר וועלן גליקליך זיין אויף אייביג. איך האב געפונען אין וואלד איין מאן וואס ער איז איין פאר פאן טאג. ער ווייס איטליכע זאך פונקט וויא דער ליבער גאט זעלבסט. ער איז דער גרעסטער למדן אונ דער גרעסטער חכם פון אלע יודען. אונ ער ווייס וואס טוט זיך אויף דר ערד. אונ אויף דעם הימעל. אונ ער האט איהר ערצעהלט דיא גאנצע מעשה. פון פערד מיט דיא וועלף.

וויא זייא האבען דאס געהערט. האבען זייא געזאגט. פאר וואס האסטו איהם ניט געפרעגט וויא ער איז צו פינדען. פיליכט





ווירסט דוא איהם א מאל ברויכען? זא האט ער געזאגט. איך האב פלייסיג באלכוטשעט א גאנצען טאג ביז איך האב מיך ערוויסט וויא ער וואהנט. אונ איך האב מיט איהם גערעדט אונ מיט זיין ווייב. אונ עס איז מיר זעהר שווער אנגעקומען איידער איך האב געוואהר געווארען וויא איהם צו געפונען. דיא יודען האבען מיר קיינער ניט געוואלט ווייזען וויא ער איז. עס קען זיין זייא ווייסען זעלבסט ניט פון איהם: ווער ער איז. אונ מארגען וועל איך מיט דיר אריין פאהרען צו איהם. דוא זאלסט איהם אויך קענען.

וויא דיא גרעפין מיט דיא קינדער האבען דאס געהערט. זא זענען זייא געווארען זעהר פריילּיך. אונ האבען שוין געבעטען עס זאל שוין טאג ווערען. זייא זאלען שוין קענען פאהרען זעהען דעם פאר פאן טאג. מיט זיין ווייב. בקיצור זייא האבען שוי. קוים דר לעבט עס איז שוין טאג געווארען. צייטליך פריה האט מען געמאכט דאס פריהשטיק. אונ מען האט לאסען שפאנען פיער פערד אין א הערליכע קאטש מיט אלער האנד צירונג אויס שאמירט. אין איין קאטש איז געזעסען דר גראף מיט דיא גרעפין. אונד די אונגעגעבענע קינדער בעזונדער אין איין קאטש. אונ דיא פריילידיגע קינדר אויך בעזונדער אין איין קאטש. אונ עטליכע גרויסע וועגען מיט הבואה מיט עופות. מיט קעלבער. אונ נאך פיהל פערשידענע זאכען אלערלייא פרוכטען. אונ זעהר פיהל פוירען. אונ מען איז געפאהרין מיט גרוים הערליכקייט גלייך צו דיא טיהר פון ר' שימכע פלאכטע.

דיא גאנצע שטאט האט ערזעהען דיא קאטשען. דען זייא האבען ערקענט דאס דא פאהרט דער גראף. האבען אלע געקוקט וויא אהין ער פאהרט. האבען זייא געזעהען ער פאר פאהרט פאר שימכע פלאכטע. דיא קאטשען האבען זיך געשטעלט פאר דיא טיהר. אונ דער שררה מיט דיא קינדער זענען צוא ערשט אריין געגאנגען. דיא הינטלעך אין דיא הענד מיט גרויס כבוד. אונ יערער האט זיך געבויגט אונ געגעבען דעם היילגען פארטראבין א קוש אין דיא האנד דער נאך האט דער שררה געבעטען ערלויבניש. אונ האט אריין געפיהרט דאס ווייב מיט דיא טעכטער יערע בעזונדער האט געגעבען דיא מאדאם פלאכטע א קוש אין דיא האנד. אונ דער שררה האט געזאגט צו ר' שימכען. ער זאל זיך אויס קלויבען וועלכע קאמעניצע פון דער שטאט ער ווינשט זיך אויס. זא איז געווען אין מיטען מארק א הדייא שטאקעדיגע קאמעניצע דאס וואר דיא שענסטע אונ גרעסטע קאמעניצע פון דער גאנצער שטאט. זא

האט ר' שימכע זיך אום געווינטשען די קאמעניצע. זא איז דער שררה באלד געגאנגען. אונ האט געקויפט דאס הויז אונ באלד פערשריבען בוים רייענט דאס עס איז ר' שימכעס הויז אויף אייביג. אונ מען האט באלד געקויפט זעהר הערליכעס מעבעל. אונ מען הט אויס געמעבעלט זעקס פאקאיעס מיט איין הערליכע קעך. אונ מען האט אריין געפיהרט ר' שימכען מיט זיין ווייב.

יעצט וואוינט שוין ר' שימכע פלאכטע אין זיין אייגענע קאמעניצע מיט זעקס אויס געמעבעלטע פאקאיעס.

דער שררה האט געשיקט נאך זיין הויף שניידער. אונ הט בעשטעלט כ"ין זאל ר' שימכען בעקליידען פון קאפ ביז פוס זעהר הערליך דאס בעסטע זיידענצייג. צו פינף אונ צו זעקס מלבושים. אונ איין זיידענע שלאף ראק. אונ איין עכט זיידענע ווייס אטלאס יופעצע אונ איין ווייס זיידענע גארטעל אונ עטליכע טהייערע פעלצען. אונ די שררהסטע האט זיך גענומען די מאדאם פלאכטע ביי די האנד אונ האט זיא געפיהרט צו איהר הויף דאמען שניידער אונ איז מיט איהר געגאנגען אין א געוועלב אונ מען האט גענומען אויף אלער האנד קליידער. אונ אויף גרעהט אונ אויף בעטגעוואנד אלץ זעהר הערליך. אונ ביים גאלדשמיד האט מען געקויפט אלערלייא צירונג אונ די מאדאם שימכען וואר אויס געצירט וויא איינע פירשטען. אונ מען האט געגעבען די מאדאם שימכען איין בייטעל מיט עטליכע הונדערט רענדלעך. אונ דער שררה מיט זיין ווייב האבען צו ר' שימכען מיט זיין ווייב אזויא גזאגט. דאס געלט זאלט עטץ ענק ניט שפארען. עטץ זאלט קויפן וואס ענקער הארץ וועט בעגערען. עס וועט ענק קיין געלט ניט פעהלען. איך וועל ענק אלע וואך שיקען. אונ מען האט איבער געלאזט צוויא פוירען צוא בעדינען אונ צוא בעהיטען דעם הויף. דיא צוויא פוירען האט מען געגעבען א קליין שטיבעל אין דער הייך צו וואהנען. תבואה מיט קערבער מיט עופות. אונ דער שררה האט איבער געלאזט ר' שימכען זיין גאלדענעם טאשען זייגער. אונ זיין ווייב די גרעפען האט איבער געלאזט זעהר פיהל מתנות די מאדאם שימכען. אונ זייא האבען זיך מיט גרויס דרך ארץ געזעגענט. אונ אנגעזאגט די צוויא פוירען זייא זאלען זעהר טרייא זיין. אונ זענען אהיים געפאהרען

וויא דר שררה איז אהיים געקומען האט ער פאר גרויס פרייד געמאכט א גרויסען באל, אונ האט צוזאמען גערופען אלע משרתים

אונ



אונ אלע פויערען אונ האט זייא ערצעהלט פון דעם פאר פאן באג אלע האבען זיך זעהר געוואונדערט. אונ זעהר געפרייט.

אונזער ר' שימכע מיט זיין ווייב האבען זיך אויפס נייע גנומען צוא: די כלים. די אלטע כלים האט מען אוועק געשטעלט. דען זייא וואהרען שוין צו קליין. מען האט געקויפט מעש וויא די קאנען אונ שיסלען וויא די צעבערס. אונ מען האט גאנצע טעג ניט מעהר גמאן נאר אנגעהייטען די אבידה. א גאנצע גראמאדע פוערן זענען דאס ניט אין שטאנד איף צו פרעסען. וואס זייא האבען אלע טאג אויף געפרעסען. אונ פון שררהס הויף האט מען אלע וואך געשיקט מעהל. מיט שפייז. מיט קערבער מיט עופות. מיט האלץ אונ אלע וואך א בייטעל מיט געלט.

די גרעפין האט אריין געשיקט עטליכע גוטע מילך קוה. די מאדאם פלאכטע זאל האבען גינוג מילך מיט פוטער אונ משרתים צו די קוה. צו מעלקען אונ צו מאכען פוטער.

בקיצור ר' שימכע פלאכטע האט הערליך בעוואהנט עטליכע געפוצטע פאקאיעס זעהר הערליך אוים געמעבעלט. אונ האט געהאט משרתים פויערען מיט שיקסעס זייא זאלען איהם בעדינען. אונ עס איז געפיהרט געווארען וויא אין איין הויף. אונ ער איז געגאנגען געקליידעט אין בגדים זייד. אונ דער אלטער ספאדעק איז שוין נאקירט געווארען.

ר' שימכע איז געגאנגען אין א סובער היטעל פאר הונדערט רובעל. אונ די לאנגע ווייסע יופעצע מיט די ווייסע גארטעל וואהרען עכט זיידענער אטלאס. אונ איין ריכטיגען ים שטעקען מיט איין גוט זילבערנען קאפ פון א האלב פונט. אונ די מאדאם פלאכטע איז געגאנגען געקליידעט וויא איינע גרעפין. אונ מען האט גיהאלטען צוויא יודישע משרתת צו די קיך. אונ די שטאט לייט האבען דאס צוא געזעהען. מענכע האבען געלאכט. אונ מענכע האבען געפלאצט. נאר מען האט געמוזט האבען דרך ארץ. דען מען הט געהאט מורא. ער זאל ניט עפעס אויס זאגען פאר דעם שררה.

ר' שימכע איז געגאנגען געקליידעט אזויא וויא איינער פון די גרויסע גוטע יודען. אונ ר' שימכע האט זיך מיישב געוועזען אונ האט זיך צו גענומען א מענטש וואס איז גוט בעקאנט אין די מנהגים פון א גוטען יוד. אונ ווייס גוט צוא מאכען דעם אנשטעלער מיט דעם שכים פנים. אונ מיט דעם שווינדעל צו בערוהמען דעם הייליגען רבי. אז ער עסט נאר גיט. אונ ער בעווייזט גרויסע אותות

ומופתים

זמופתים . ער איז משביע מלאכים .

דער זעלבער איז געווארען זיין משמש . און דער משמש האט דעם רבי אויס געלערנט אביסעל דאווענען . און זיא האט זיך אויך צוא גינומען איין אלטע יודענע וואס קען גוט דאווענען לייענען . און האט זיך געלאזט לערנען דאווענען און לייענען . און זיא איז זיך גנאנגן בריוט אין שול אריין מיט דעם קרבן מנחה סידור אזו וויא א ריכטיגע רבצין . און דער משמש איז געווארען בייא ר' שיכבען גבאי . און ער האט עס איינגעפיהרט זעהר הערליך . דען קיין געלט האט דאך קיין מאל ניט געפעהלט . ער האט געלאזט מאכען אויף דעם הויף א מקוה . און א גרויס בית מדרש מיט עטליכע שענק ספרים . און בעזונדער איין שטיבעל מיט ספרים פאר דעם הייליגען רבי ער זאל מעריך אף זיין . און ר' שיכבע האט איינגעפיהרט . זיין הויז זאל זיין אפען פאר ארעמע לייט . ווער עס איז אריין געקומען הונגעריג . דער איז ארויס געגאנגען זאט . ער און זיא האבען ביידע געגעבען צדקה זעהר פיהל . און זיין שטיבעל וואר זעהר שיין אויס גמעבעלט און אויס געמאלט און ארום אין ארום זעהר פיהל לייכטערס מיט ראכפען . און בייא דיא טיהר איז געשטאנען איין גרויסער קופערנער האנדפאס מיט א גרויסען בעקען . מיט צווייא גרויסע האנדטיכער . און איין גרויסע מזוזה מיט א זילבערנען ביישטידעל . עס האט אויס געזעהען וויא בייא איין ריכטיגען רבי . ער איז גאנץ אריין געזעסען אין זיין שטיבעל . און האט געגעבען יומם ולילה געפרעסען וויא א פערד .

דער שררה האט אלע וואך געשיקט פיהל מעהר וויא מען האט געברויכט . און דער שררה מיט דיא גרעפין מיט אלע זיינע הויף לייט האבען זיך געהאלטען פאר א גרויסע זכיה דאס זיי האבן זוכה געוועזען צו האבען אזויא איין פאר פאן באג אין זייער שטאט . דען זייא האבען זיך איין גערעט דאס אויס אלע גרעסטע נויטען אדער קראנקהייטען ווירד ער זייא ארויס העלפען . און בייא אלע שררים און פויערען פון אלע דערפער ארום און ארום האט גקלונגען דער נאמען פון דעם פאר פאן באג . דען דער שררה מיט די שררהסטע האבען איהם זעהר גרויס געמאכט און בעקאנט געמאכט צווישען אלע שררים . און אלע גרעסטע שררים און הראבייעס האבען אריין געשיקט גרויסע מתנות דעם פאר פאן באג . בקיצור ר' שיכבע פלאכטע האט געלעבט מיט זיין ווייב זעהר גליקליך . און פערגעניגט . דאס קיין גרויסער גביר קען ניט אזויא לעבען און אזויא פיהרען . דען





אלדעם גוטס האבען זייא געהאט און קיין געלט האט זייא ניט געפעהלט . און אויף קיין תכלית האבען זייא ניט געזארגט . זייער גאנצע זארג איז נאר געוועזען צוא טראכטען וועגען דיא אבילה וויא מען קריגט גרויסע טעפ מיט שיסלען מיט דינייצעס . אזויא האבען זייא געלעבט במנוחה און פערגעניגט עטליכע יאהרען .

ויהי היום . האט זיך בייא דעם שררה פאסירט א מעשה ! דער שררה . הרץ זיינע אלע פאקאיעס וואס ער האט געהאט אין זיין פאלעץ . האט ער גאנץ בעזונדער געהאט איין קליין שטיבעל וואס דארט איז קיין מאל קיין שום מענטש ניט אריין געקומען . און דאס איז געוועזען שטענדיג פערשלאסען און דאס פענצטער פון דעם שטיבעל איז ארויס געגאנגען אויף דעם פאדווארג . און ארום דעם פאדווארג איז געוועזען א גרויסע כוישר . און דארט אין דעם שטיבעל איז געוועזען זיין גאנץ עשירות מיט זיין גאנץ פערמעגען . דארט איז געשטאנען איין גאנץ גרויסער קאסטען . אין דעם קאסטען איז געלעגען איין פאלעטקע (דאס איז איין קליין קעסטעל זעהר קונסטליך געארבייט) דיא פאלעטקע וואר אויס ריין גאלד . און אינווייניג איז דאס קעסטעל פיל געווען מיט דימאנטען און ברילאנטען און דאס האט בעטראפען מיליאנען . און דאס וואר נאך ניט דער עיקר נאר דארט אין דעם זעלבען קעסטעל איז געלעגען איין גרויסער בויגען פון פארמעט . און מיט גאלדענע אותיות איז געוועזען געשריבן דער גאנצער יחוס פון דעם שררה דאס ער איז א געבאהרענער גראף . און דאס ער קומט ארויס מזרע מלוכה . און דאס כתב וואר בייא איהם טהייערער וויא דיא דימאנטען מיט דיא ברילאנטען . און אלע טאג איז ער גנאנגן אין דעם שטיבעל און האט אנגעקוקט דאס קעסטעלע און האט זיך דעריבער זעהר געפרייט .

יעצונד איז ער אריין געקומען אין דעם שטיבעל . און וויא זעהר איז ער ערשראקען געווארען . דאס ער האט געטראפען דאס פענצטער אויס געהאקט . און דער גרויסער קאסטען איז געוועזען אויף געריסען . און דאס קליינע קעסטעל איז ניט דא געוועזען . ער איז באלד געלאפען און האט געמאכט א גרויס געשרייא . מען האט געזוכט . מען האט חושד געוועזען פיהל מענטשען . מען האט געשלאגען . מען האט געפייניגט . עס וואר אבער אלץ בחנם מען האט ניט געפונען קיין שום צייכען . זא איז דער שררה געפאהרען אין סאנד . מען האט גענומען גרויסע חכמים סענדזשעס זיי זאלען פארשטען . און ווער עס ווירד ארויס קריגען דיא גנבה . וועט ער

שענקען א דארף. און עס האט אויך ניט געהאלפען זא איז ער געפאהרען צוא דיא ווראציארזעס. (דאס זענען זאלכע אלטע גנבים וואס זאגען סגולות און מענבעם מאל טרעפען זייא) דיא גנבים האבען אויך ניט געהאלפען. עס האט דעם שרה געקאסט זעהר פיל געלט און עס האט אלץ ניט געהאלפען. און צו ר' שימכען האט ער ניט געוואלט פאהרען. דען ער האט געטראכט. פיליייכט וועל איך דאס דורך אנדערע מענטשען ארויס קריגען. דאס איך זאל ניט ברויכען מטריח צו זיין דעם הייליגען פאר פאן באג. נור וויא עס האט שוין געדויערט א האלב יאהר. און עס האט שוין געקאסט זעהר פיהל געלט און עס האט גאר ניט געהאלפען. און ער איז שוין באלד משוגע און קראנק געוועזען. זא האט ער שוין געמוזט מטריח זיין דעם הייליגען פאר פאן באג.

אונזער ר' שימכע פאכטע האט זיך גאר ניט גערעכט. און איז זיך געזעסען כמלך בגדוד. און געפרעגען וויא א שמונה כפור זוכר וסובא. פלוצלינג איז געקומען צוא פאהרען א הערליכע קאטש מיט פיער פערד וויא פאר איין גראף. און דער יונגער שרה דאס איז דער זאהן פון אלטען שרה. און קוטשערס און לאקייעס און דיא קאטש האט זיך געשטעלט פאר שימכע פאכטע. און דער יונגער גראף איז אריין געגאנגען מיט גרוים דרך ארץ. דאס הייסט אונטער דעם ארם. און האט געזאגט צו ר' שימכען. פאניע פראראקאו (דאס הייסט איין נביא) דר טאטע מיט דיא מאמע מיט דאס גאנצע הויז געזונד לאזט דיך פריינדליך גריסען. און פאלען צוא אייערע פים. און דער טאטע האט איין עסק. זעהר א גרוים עסק וועלכעם ער האט אייער כבוד ניט געוואלט מטריח זיין. נאר ווייל קיינער קען איהם ניט העלפען. זא איז ער געצווינגען אייך מטריח צו זיין. אלזא בין איך געקומען צוא פאהרען צוא אייך מיט מיין פאטערס בעפעהל אייך הערצליך ביטען איר זאלט זא גוט זיין אונד קומען צו פאהרען. דען דער פאטער איזט דאך פערזיכערט דאס איר ווירד איהם געוויס העלפען.

ר' שימכע האט דאס געהערט. איז איהם געווארען ביטער אין זיין הארץ. איז ער אריין געגאנגען צוא זיין ווייב. און האט מיט א ביטער הארץ געזאגט. מיין ליב ווייב. מענסט שוין גרייט מאכען דיא שאנגעס מיט דיא קאנען. און ווער וויים נאך אוב איך וועל צו די שאנגעס זא זוכה זיין עס קען זיין מען וועט מיך הרגענ' דען דער בלאטער ווירד דאך ווערען אויף געשטאכען. ער ווירד

געוואהר



געוואהר ווערען דאס איך בין א פראסטער גראבער יונג. וועט ער זיך דאך משער זיין אז דאס ערשטע מאל מיט דעם פערד האט מיר נאר אזויא געגראטען. וועט איהם דאך קרענקען ווייל ער האט אזויא פיהל קאסטען געמאכט אויף מיר. און עס וועט איהם זיין א גרויסע חרפה דאס ער האט זיך אין מיר זא שטארק גענארט. זא וועט ער זיך אן מיר נוקם זיין.

בקיצור יא גערעדט. ניט גערעדט. ער איז געפאהרען. וויא ער איז געקומען. האט איהם דער שרה אנגענומען בכבוד גדול. און האט איהם זעהר איבער געבעטען. ווייל ער האט איהם מטריח געוועזען. און האט געזאגט. איך האב גענוג געטאן דאס איך זאל ניט ברויכען אייך מטריח צו זיין. נאר ווייל קיינער קען מיר שוין ניט העלפען. זא בין איך געצווינגען אייך מטריח צו זיין. דען ביי אייך איז דאך דאס גאר איין קלייניגקייט. און דר שרה האט אים דערציילט דיא גאנצע מעשה פון אל"ף ביז תי"ו. ר' שימכע האט דאס געהערט איז איהם געווארען פינצטער פאר זיינע אויגען. און ביטער אין זיין הארץ. ער האט זיך געטראכט. עס מעכט מיר בעסער זיין. אז איך מעכט ליבער וואסער טראגען. אלזא זאגט ער צום שרה. וויא וויסען דאס איז קיין קלייניגקייט. דאס איז זעהר א גרויסע זאך דאס קען ניט זיין אזויא געשווינד וויא דוא מיינסט. איך מוז מיר צייט נעמען אויף דרייא טאג. און איך מוז גאנץ אליינט זיצען איידר איך וועל מיך קענען דאס ערוויסען. דען דאס איז א הימעל זאך.

אין דעם דארף האט געוואוינט א יודישער שענקער וואס האט געהאלטען דיא ראנדע. דר יוד האט געהאט א גרויסע שטוב צום שענק. און א קליין שטיבעל צום וואהנען. דיא פענצטער פון דעם קליינעם שטיבעל זענען געגאנגען אויף איין פעלד ארוים. וויא דער שרה האט געהערט פון שימכען דאס ער מוז ווארטען דרייא טאג זא האט ער געשיקט נאך דעם יודישען שענקער און האט איהם אזויא געזאגט. זאלסט ליידיג מאכען דיין קליין שטיבעל. און ריין אויס פוצען. און דוא מיט דיין הויז געזונד זאלט עסען ענק דרייא טאג בעהעלפען אין דער גרויסער שענק שטוב. און דער פאר פאן באג ווירד זיין דארט דרייא טאג. און זאלסט איהם בעהאנדלען ווי מיך זעלבסט. און זאלסט באלד פאהרין אין שטאט און זאלסט איהם קויפען עסען און טרינקען וויא פאר איין גראף. איך וועל דיר אלץ גוט בעצאהלען. דוא ווירסט ביי מיר האבען אויף א גאנץ יאהר

דיא

זיא ראנדע בתנם ווען דוא ווירסט דעם גרויסען מאן גוט בהאנדלען
וועט איך וועל מיך אבער ערווייסען דאס דו האסט איהם ניט וויא אם
בעסטען בעהאנדעלט זא וועל איך דיך ארויס ווארפען פון מיין
דארף . אונ דער שררה האט מיט גרויס כבוד גנומען דעם פאר פאן
באג . אונ האט איהם זעלבסט געפיהרט צום שענקער . עס וואר
דארט אלץ שוין גרייט . דער שררה האט זיך מיט איהם געזעגענט
אונ איז אוועק געגאנגען אונ ר' שימכע האט זיך גאנץ אליינט
געזעצט אין דעם שטיבעל אונ איז געזעסען אין גרויסע צרות .
אלע פויערען אונ פארמעס אונ פארבעקעס פון גאנצען דארף
האבען שוין געוואוסט אז דער פאר פאן באג . איז דא . דיא אלע
וואס מען האט זייא בתנם חושד געוועזען דיא האבען זיך זעהר
געפרייט . דאס מען זאל דעם ריכטיגען אמת געוואהר ווערען . דאס
זייא זענען עהרליכע לייט . אונ ביא דעם שררה אין הויף איז
געוועזען זעהר פריילין . דען ער האט זיך געוויס גערעכט דאס ער
ווירד דיא גנבה אפ פרעגען . אונ ער האט דורך דריא טאג
געלאזט צו נאנד רופען אלע שררים זיינע שכנים . אונ אויך פויערען
פון אנדערע דערפער זענען געקומען צו פאהרען אונ צוא לויפען וויא
זייא האבען געהערט דאס דער פאר פאן באג איז דא אונ אלע
האבען זיך געפרייט . נור ר' שימכען איז געבעך געוועזען זויער אונ
ביטער אין זיין הארץ

וויא דער שררה איז פון שימכען אוועק געגאנגען . זא האט
דר שענקער מיט זיין ווייב צווישען זיך געמאכט אוים שימכען . ווייל
זייא האבען דאך איהם געקענט . דאך אבער איז דער שענקער
באלד געפאהרען אין שטאט אריין אונ האט מיט געפיהרט גוטע
עופות צו שחטן . אונ האט אריים געקויפט אלערלייא גוטע מאכלים
אונ פרוכטען . גוטען וויין מיט אנדערע גוטע געטראנק . מיט קאפע
צוקער מיט אלע זאכען וואס מען ברויך פאר א גרויסען מאן . אונ
דעם שענקערס ווייב האט געקאכט אונ געבראטען זעהר וואהל . אונ
מען האט ר' שימכען אריין געברענגט עטליכע גרויסע שיסלען מיט
טעלערם . פיל מיט פיש . מיט פלייש . אונ מיט כל מיני מאכלים .
דען זייא האבען דאך איהם געקענט פון לאנג דאס ער איז ניט קיין
הפסקה פאסטער . בקיצור מען האט צוא טיש געגרייט אונ אויף
געשטעלט צו עסען וויא אויף א חתונה . עס איז אבער ביטער וויא
דער טויט . ר' שימכע קען ניט עסען . דער בויך איז פערשלאסען
אונ דאס הארץ איז פערשטיינערט . עס קען קיין ביסען עסען ניט
אריין



אריין גיין אין האלז . זיין טיהר וואר פערמאכט ער איז נאר געגאנגען
אהין אונ אהער . אונ ביטער איז געוועזען זיין לעבען .

אין עטליכע שעה . האט דיא שענקערין מיט דעם שענקער
ווידער אריין געברענגט פרישע מאכלים . וויא פערוואונדערט זענען
זייא אבער געבליבען . אלץ זייא האבען געזעהען . דאס די פאריגע
מאכלים זענען נאך אין גאנצען . ער האט זייא ניט געהאט אנגערירט .

אויף דר נאכט האט מען איהם אריין געברענגט נאכטמעסען .
מען האט אבער געמוזט יענע כלים מיט מאכלים צוריק נעמען אזוי
וויא מען האט זיי אריין געברענגט דען ער האט עס ניט אנגערירט .
אונ א גאנצע נאכט האט ער ניט געקענט שלאפען . עס האט איהם
פון געגענער ארום געווארפען . ווייל ער האט זיך דערמאנט וואס
זיין שווארצער סוף וועט זיין . מארגען גאנץ פריה האט ער זיך אפ
גטאן זיין טלית ותפילין אונ וויא ער האט גקענט האט ער גדאווינט .

וויא דער שענקער מיט זיין ווייב האבען איהם אריין געברענגט
דאס אנבייסען אונ האבען געזעהען דאס גאנצע עסען פון נעכטען
שטייט אזויא וויא מען האט עס אריין געברענגט . עס איז נאך ניט
גערירט . אונ האבען איהם געטראפען שטיין אין דעם שיינעם
טלית מיט דיא גאנץ גרויסע תפילין . זא זענען זיי זעהר פערוואונדערט
אונ ערשראקען געבליבען . אונ האבען געזאגט איינער צום אנדערען
עס איז דאך ניט בתנם . ווער ווייס וואס פאר א פערבארגענער צדיק
אדער גוטער יוד דאס איז . אונ ווער ווייס פאר איין פסק מיר וועלען
האבען . ווייל מיר האבען פון איהם געלאכט . בקיצור דער קיכען
מיט דיא קיך ווארען פיל אנגעשטעלט מיט טעפ . מיט שיסלען .
מיט דיניעצעס . אלץ וואר פיל מיט מאכלים . דען ער האט דיא
גאנצע צייט ניט גענומען דאס מינדעסטע אין זיין מויל אריין . אונ
דער שענקער האט דאך געמוזט האבען צו ווייזען דעם שררה דאס
ער האט אנגעגרייט .

וויא עס איז געקומען דיא צווייטע נאכט וואס מארגען וואר
שוין דער דריטער טאג . זא איז שימכע געלעגען אויף זיין געלעגער
אין גרויסע צרות . ניט קיין אויג צוא געמאכט . דיא טיהר האר
פארמאכט . דיא לבנה האט דורך דעם פענצטער אריין געלויכטען .
אונ וויא ער ליגט אזויא פערטראכט אין זיינע מחשבות . הערט ער
דורך דעם פענצטער א נידריג קול „פאניע פראראק . פאניע פראראק
(דאס ווארט פראראק איז טייטש נביא) ער הט זיך אנפאנג ערשראקען
נאר וויא ער האט געהערט מען שרייט עטליכע מאל . אונ מען בעט
זיך

לאז ווערט ער זאל אויף מאכן דאס פענצטער. אבוואהל איין אנדרער רבי מעכט ביי נאכט בשום אופן ניט אויף מאכען אונ ניט רעדען מיט קיינעם: אונזער ר' שמחה אבער האט ניט מקפיד געוועזען. אונ איז אויף געשטאנען. אויב ער האט זיך געוואשען ווייס איך ניט בקיצור ער האט אויף געמאכט דאס פענצטער. אונ האט געשריען קמא מאס! קמא מאס. זא האט יענער געענטפערט. איך בעט אייך רעט אביסעל שטילער. איך ברויך וואס נייטיגעס מיט אייך צוא רעדען. דאס קיינער זאל ניט וויסען. איר זאלט וויסען איך הייס כמעשאן. איך האב דאס קעסטעלע גגנבת. מיט דיא דימאנטען אונ מיט אלעם וואס דארט אין קעסטעלע איז. אונ עס פעלט גאר ניט. עס ליגט בעהאלטען אויף איין ארט וואס קיין מענטש ווייס ניט. אונ קיינער האט ניט גערירט. אונ איך ווייס דאך גאנץ גוט דאס איר זענט א פאר פאן באג. אונ איר ווייסט דאך גוט די גאנצע מעשה. אונ ווען איר וועט דאס אויס זאגען פאר דעם שררה. זא ווירד ער מיך דרגנן. אונ איך האב ערשט פר א האלב יאהר חתונה געהאט. אונ האב מיין מארישע זעהר ליב. אונ אז דער שררה ווירד דאס געוואהר ווערען. זא וועט ער אונז ביידע הרגינען. אלס דען בעט איך אייך איר זאלט אויף מיר רחמנות האבען. אונ זאגט פון מיר דאס קעסטעל געמען. אונ מיט חכמה דעם שררה דאס אפ געבען דאס ער זאל ניט הי״ו געוואהר ווערען. אונ איך וועל אייך גאנץ גוט בעלוינען.

ענטפערט שמחה. וואס דער ציילסט דוא מיר? ווייס איך דען ניט? דיין מזל איז גינוג גרוים דאס דוא ביסט יעצט געקומען. אלס דען וויא האסט דוא דען עס בעהאלטען? זאגט כמעשאן. פון דאנען ביז צום וואלד שטייען ביימער ביים וועג אויף ביידע זייטען. האב איך אפ געציילט צוועלף ביימער. אונטער דעם דרייצעהנטען בוים האב איך אוים געגראבען א גרוב אונ האב דאס קעסטעל דארט גוט בעהאלטען.

פרעגט שמחה. ווייס ניט קיין מענטש פון דעם. זאגט כמעשאן אפילו מיין אייגען ווייב ווייס אויך ניט. קומט מיט מיר וועל איך אייך ווייזען וויא עס ליגט. אונ איר וועט עס געמען. נאר געדענקט אן נאם. אונ מאכט אייך ניט וויסען אז איך בין דער גנב.

ר' שמחה איז ביי נאכט דורך דעם פענצטער ארוים געקראכען. אונ איז מיט כמעשאנען מיט געגאנגען. אונ כמעשאן איז געלאפען נאך איין שפאדער. אונ האט אויך געגראבען. אונ מען האט דאס

קעסטעל



קעסטעל געפונען. עס איז פונקט אזוי געלעגען וויא ער האט עס אריין געלייגט.

שמחה האט געהייסען דאס קעסטעל זאל ווייטער בלייבען ליגען. אונ מען זאל עס גוט צוא דעקען אונ פערשיטען מיט ערד. אונ צו כמעשאנען האט ער אזוי געזאגט. גייא אהיים אונ לייג דיך שלאפען. אונ מאך דיך פאר קיין שום מענטש ניט וויסען. אונ אז דוא ווירסט דיך פאר איין מענטש וויסען מאכען. אדער אפילו נאר איין ווארט רעדען. זא וועסט דוא באלד שטארבען

כמעשאן האט גענומען דיא משפחה אין דיא הענד. אונ איז געפאלען צו שמחהס פיס אונ האט געזאגט. עה. ניע פאוויעד

אונ איז אוועק געגאנגען.

שמחה איז שוין געווארען פריילך אונ איז צוריק געגאנגען. שטיל צוריק דורך דעם פענצטער אריין געקראכען אין זיין שטיבעל. אונ דאס פענצטער צו געמאכט. נאר ער איז געשטאנען ביים פענצטער אונ אהין געקוקט צוא דעם ארט וויא דאס קעסטעל איז געוועזען. דען ער האט מורא געהאט. אז כמעשאן זאל זיך ניט מיישב זיין אונ ארוים נעמען דאס קעסטעל. ער איז געשטאנען ביז עס האט שוין אנגעהויבען צו טאגען. זא האט ער זיך אנגעטאן זיין ווייס זיידענע זופעצע אונ געלייגט טלית ותפילין אונ איז געשטאנען ביים פענצטער אונ האט זיך געדאווענט.

וויא עס איז שוין רעכט טאג געווארען. זא איז שוין דער שררה מיט נאך זעהר פיהל עבדים אונ פיהל גרויסע מענער געקומען. אונ דען אלע ווארען דאך לאקאמע צוא זעהען דעם פאד פאן באג. אונ צוא זעהען זיינע גרויסע וואונדער אלע וועגען געבליבען שטיין פון דרויסען. נאר בלוים דער שררה איז צלייגט אריין געגאנגען. דאס קליינע שטיבעל וואר נאך פערמאכט.

זא פרעגט דער שררה דעם שענקער. אויב ער האט גוט בעהאנדעלט דעם רבי. זא זאגט דער שענקער יאשניע פאניע איך האב איהם בעהאנדעלט וויא איין גראף. נאר וואס קומט ארוים. ער האט דיא גאנצע צייט זייט ער דא איז. נאר ניט געגעסען אונ ניט געטרונקען. אונ דער שענקער האט דעם שררה געוויזען דיא אלע טעפ מיט שפייזען מיט דיניצעס אזוי פיל מיט ענטן וואג. פיש. פלייש. געקאכטס אונ געבראטענס אונ גוטען ווין. דער שררה האט דאס געהערט אונ אויך געזעהן. איז ער גאנץ ערשטוינט געבליבען. אונ האט געזאגט עס טוט מיר שוין אין גאנצען באנג

צו

פאלק גיגאנגען צום ערשטין בוים פון דיא בייטער . אונ האט דעם
שררה גיהייסין געבין דרייא גרויסע קלעפ אין בוים . דר שררה הט
אזויא געטאן . פרעגט שיכבע דעם שררה . האסט דו גיהערט וואס
דר בוים זאגט ? ענטפערט דר שררה . ניין . זאגט שיכבע דר בוים
האט גיזאגט . ער האט ניט דאס קעסטיל . זא האט מען גיטאן ביים
אנדערין בוים .. אונ ביים דריטען בוים ביז מען איז גקומען צו ריכטיגען
בוים . אונ וויא דער שררה האט דארט גיגעבין דיא דרייא קלעפ .
זא האט שיכבע א גרויסען שפרונג גיגעבין . אונ גיפאטשט מיט די
הענד . אונ האט גישריגען צום שררה . וואס שטייסט דוא ? הערסט
דו דען ניט דאס דער בוים שרייט גיוואלד דאס אונטער איהם ליגט
דיין קעסטעל . פון הימעל האט מען עס דא אהער גילייגט . אלסדען
לויף גאנץ געשווינד אונ ברענג א שפאדעל . נאר דו אליינט מוזט גיין .
דער שררה איז גישווינד גילאפין . אונ האט גיברענגט דעם
שפאדעל . האט שיכבע גיהייסין ער זאל אנהייבען צו גראבין צווייא
שפאדעל טיף . ער האט גיגראבין צווייא שפאדעל טיף . וויא אבער
ערשראקען איז דער שררה מיט אלע פרעמדע שררים געווארען אלס
זייא האבען ערזעהען דאס קעסטעל . אונ דער שררה האט דאס
קעסטעל אין דיא האנד גנומען אונ געוויזען פר דעם גאנצין פאלק .
דיא אלע שררים מיט דעם גאנצען פאלק האבען אראפ געכאפט די
היטלעך פון זייערע קעפ אונ האבען פאר שיכבען געקניט וויא פר איין
גאט . אונ דיא פארטעם מיט פויערין מיט פארבעקעם האבין געקניט
אונ געשריגע . דאס איז דער אנדערער האנד פון פאן באג .

יעצט קען זיך דער לעזער מערקען דעם כבוד וגדולה וואס
ר׳ שיכבע פלאבמע האט געהאט . אונ דער שענקער מיט זיין ווייב
האבען עס ניט אוים געהאלטען ווייל זייא האבען אמאל אוים איהם
געלאכט . זייא האבען געזאגט . ווער ווייס וואס אויף אונז ווירד
קומען ווייל מיר האבען געלאכט אוים אזויא א מלאך . בקיצור מען
האט איהם אהיים געפירט אין הויף אריין צום שררה . נאר מען
האט איהם ניט געקענט לאנג אויף האלטין . ווייל דער שררה מיט
דיא איבריגע שררים האבען געוויסט דאס ער פאסט שוין דעם דריטען
טאג . אונ מען האט איהם בעווארפען מיט גרויסע טהייערע מתנות
אונ מיט זעהר פיהל געלט . יעדער שררה האט גגעבן זיין נאלדענין
זייגער מיט אלע סיגנעטען פון די פינגער . עס איז פון די פרעמדע
שררים צוזאמען געקומען איין בארג מיט געלט אונ מיט צירונג .
מען האט דאס אלץ געלייגט אין איין קאסטען . חוץ וואס דער

ריכטיגער



ריכטיגער שררה האט איהם אליינט איינגעפאקט א קאסטען מיט
געלט אונ גאלד אונ זילבער אונ צירונג . בקיצור עס הט בעטראפן
קורהם אוצר

מען האט עקסטרא פאר זיינעט וועגען אליינט איינגעשפאנט
א הערליכע קאטש מיט פיער פערד . אונ הלין אריין געלייגט אין
דיא קאטש אונ דיא גרעפין מיט דיא קינדער אונ אלע פרעמדע
שררים מיט זייערע ווייבער מיט קינדער זענען אלע מיט געפאהרען .
עס וואר זעהר פיהל קאטשען . דען יעדער האט זיך געבארטען פאר
א זכות דאס ער האט זוכה גיוועזען איהם צו בעגלייטען . אונ דאס
פויערען פאלק וועלכעס האט נאר גיהאט איין פערד אונ א וואגען
האט נאר אויף געלייגט וואס נאר מעגליך איז געוועזען א גוט קאלב
גוטע עופות . האניג וואקס אונ האבען מיט געפירט מתנות פר
דעם שיכבען . בקיצור עס זענען געפאהרען א גרויסע מחנה . אונ
דער שררה האט זיך געבעטען ער זאל איהם ערלויבען צוא זיצען
מיט איהם אין דיא קאטש . ר׳ שיכבע האט איהם ערלויבט . זענען
זייא ביידע געזעסען אין איין קאטש . וויא דיא מחנה זענען גיקומען
אין שטאט . האבען זיך דיא שטאט לייט געווינדערט ווייל זייא
האבען געזעהען אזויא פיהל קאטשען . אונ האבען געוואלט וויסען
וויא אהין זייא פאהרען . וויא פערווינדערט אבער זענען זייא געווארין .
דאס זייא האבען געזעהען דאס דיא אלע קאטשען פארפאהרען פאר
ר׳ שיכבע פלאבמע . אונ אלע האבען געפלאצט וויא זייא האבען
געזעהען ר׳ שיכבען ארוים קריכען אוים דער קאטש . אונ די אלע
שררים זענען געשטאנען מיט דיא בלויזע קעפ וויא פר איין מלכות
אונ ער איז פאראוים געגאנגען . אונ אלע פון הינטען . אונ זייא
זענען געקומען אין שיכבעס פאקאוי . אונ דיא גרעפין האט זיך
געווילקאמט מיט דיא מאדאם שיכבען . אונ האט זיא געקישט אונ
געהאלזט אונ געשענקט גרויסע מתנות . אונ גזאגט . וואהל איז דיר
דוא האסט אזויא איין הייליגען גייסט פאר א מאן . אונ די שררים
האבען געמאכט אין דיא שטאט א גרויסע פאראדע . אונ יעדער
בעזונדער האט געזאגט . איך וועל דיר אלע וואך שיקען אלעס
גוטס . אונ די פויערן האבן אויך דאס אייגענע גזאגט . אונ אלי האבן
זיך געזעגענט בכבוד גדול אונ אוועק געפאהרען . אונ אלע האבען
געהאלטען זייער ווארט אונ האבען געשיקט .

דיא שטאט לייט האבען ניט געקענט אוים האלטען . אונ
האבען נאר ניט פערשטאנען וואס דאס איז . זא האבין זיי געפרעגט

דעם

דעם יודישן שענקער וואס אין דארף וואהנט זא האט דר שענקר דערציילט דיא גאנצע מעשה. אונ האט צו דיא שטאט לייט גזאגט דער שררה מיט דיא אנדערע שררים זענען ניט משוגע אונ ער איז באמת א מלאך אלקים. ווען איך מעכט גיט זעלבער זעהן די גרויסע ווינדער . מעכט איך זעלבסט ניט גלויבען. אונ עטץ זאלט וויסען דאס עטץ פערזינדיגט ענק דיא יאהר אונ דיא טאג דאס איר רעט אויף איהם אונ לאכט אוים איהם . אונ דיא שטאט לייט זענען געבליבען זעהר פערווינדערט. אונ עס איז געווארען אין דיא שטאט עפעס א געשמוים. אפשר איז ער טאקע עפעס א פערבארגענער צדיק. בפרט ווי האבען גיזעהען ער פיהרט זיך זעהר יודיש. אונ זיין הויז איז אפען פאר ארעמע לייט. ער האט מפרנס געוועזען ארעמע תלמידי חכמים .

בקיצור ער האט שוין געקריגען א שם אין דיא וועלט. אוי מענכע זענען שוין געקומען פרעגען סגולות. אונ דער גנבטיגער גבאי האט איהם שוין אוים געלערנט גנבישע סגולות. מען זאל נעמן לולב אונ קאכען אין מקוה וואסער . מע זאל זאגען דאס קאפיטעל כ' זיבען מאל. דאס קאפיטעל ז' צוואנציג מאל. מען זאל נעמען פעדערען פון א ווייסען האן לייגען אויף דעם בויך וועט מען גווינען א בן זכר. ערד פון א קבר טראגען אין א ווייס בייטעלע אוף דעם האלדז איז גוט פאר א עין הרע רח״ל. שלשה פעמים ח״י פגים צוא לייגען אונטערין קישען : אונ מארגען דאס געלט אריין ווארפען אין רבים צדקה קיינר זאל ניט זעהן. דאס איז א סגולה צו די גילדענע אדער. לויבער זאלץ מיט רויזען האניק געקאכט אין פוטערטילעך. איז א סגולה צו דיא אויגען. אונ נאך פיהל זאלכע נארעשקייטען. אונ דער רבי האט זיך דאס גאנץ געשווינד אוים געלערנט. דען צוא שמאדקייט איז ר' שיטבע זעהר קלוג געוועזען. בקיצור ער איז געווארען בערוהמט אין גאנצען לאנד.

עס זענען געקומען צוא פאהרען מענטשען מאנען אונ ווייבער פון דיא האלבער וועלט. אונ יעדער האט ערצעהלט נסים ונפלאות פון דעם פארבארגענען צדיק. אונ דער צדיק מיט זיין ווייב האבען יעצט עוסק געוועזען אין הלכות אכילה אזוי וויא דיא פערד. אונ יעדער מענטש וואס איז געקומען צוא פאהרען האט זיך געהאלטען פאר א גרויסען זכות דאס ער האט זוכה געוועזען צוא קריגען דיא האנד שלום עליכם פון דעם היילגען רבי. בקיצור ער איז געווארין גרוים ער לב השמים. דיא גאנצע וועלט האט בייא אים געהאלטען

עס



עס זענען אויך געקומען צוא פאהרען ריכטיגע חסידים אונ רבנים אונ לומדים . אונ מען האט זעהר נוהג כבוד אן איהם געוועזען . אונ ווען דיא פרעמדע חסידים אונ לומדים האבען גשמועסט מי. דעם גבאי בסוד פר וואס ער זאל רעבען זאגט קיין מאל ניט קיין ווארט תורה ביים טיש . זא האט דר גבאי געענפערט . וואס וועט עטץ דען פערשטיין פון זיין תורה . ער זאל רעבען לערנט תורה בלוים קבלה סודי סודות. זייני תורות זענן פון די עולמות העליונים .

דאך האט זיך דר גנב איין עצה געגעבען דאס דער רבי זאל אויך זאגען תורה ביים טיש . ער איז געזעסען טאג אונ נאכט מיט דעם זולל וסובא . אונ האט איהם אויסווייניג דערציילט אלי מעשות פון גאנץ חומש מיט גאנץ תנ״ך אונ האט געזעהען ער זאל קלאר זיין אין אלע מעשות .

איין מאל איז געוועזען א שבת וואס עס זענען געוועזען פיהל לומדים אונ חסידים אונ האבען זעהר געבעטען דער רבי זאל זאגען א דברי תורה. האט זייא דער גבאי מבטיח געוועזען אז ער וועט בעטען דעם רבי העט ער איהם צו ליב טאן אונ וועט זאגען. נאר וואס קומט ארוים עטץ וועט דאך גאר ניט פערשטיין . דען זיינע תורות זענען דאך בלוים פארבארגענע סודות. בקיצור עס איז גקומן נאך דעם עסען האט דער רבי געעפענט זיין מויל . אונ פערגלייכט דיא אויגען אונ געזאגט . (דיא סיגות האט ער געקענט נאך מאבע אזויא וויא דער גבאי האט איהם געלערנט . נור דיא מעשות האט ער ניט גוט געקענט) הא . הא . הא . ני . ני . ני . אוי . אוי . אוי . ווען נח האט מלחמה געהאלטען מיט דיא פלשתים אין דיא כדבר . אונ נח האט דיא מלחמה פערשפיהלט איז נגזר געווארען מען זאל געבען יצחק אויף דיא עקידה . אונ דיא עקידה איז גורם דאס לאנגע גלות . אוי . אוי . אוי . הא . הא . הא . ני . ני . ני . מים אחרונים . בענטשען . אור זרוע לצדיק .

נאך דעם בענטשען האט איין חסיד געזאגט צום אנדערען . ביזט דוא א מבין אויף די תורה . ענטפערט יענר . הא הא . ווארום דוא ביסט א מבין ? דאס איז קבלה . דער דריטער זאגט . דאס איז זעהר טיף דאס איז סודי סודות . האט דער גבאי געזאגט האב איך ענק געזאגט . אז זיינע תורות זענען ניט פאר ר' מענטש . נאר פאר דיא מלאכים .

וויא דער עולם איז אהיים געפאהרען . איז שוין געווארען ? אין דער וועלט . דאס דער רבי זאגט זאלכע פרבארגענע תורות

התורה

התורה אשר אין לשער ואין לכפר. זא האבען זיך איינגעזאמעלט פון פיהל שטעט חסידים אונ לומדים אויך קליינע רביל'עך אונ זענען געפאהרען הערען סודות התורה. ביים טיש האט דער רבי ווידער געמאכט דיא גנבישע סיגים. אונ האט געזאגט. ווען מלך נמרוד האט מלחמה געהאלטען מיט שאול המלך. האט דניאל פוהר גוועזען דעם חלום פון דיא זיבען קוה וואס פרעה האט געזעהן ביים ירדן. אונ וייל דער ירדן איז געווארען געשלאגען מיט בלוט. איבער דעם רעגענט ניט אין ארץ ישראל, ביז עס וויד ווערין מתוקן דר חטא וואס זייא האבען גיהרגעט יונה הנביא אין בית המקדש. וועט ווידר גושן געבויעט ווערען. אונ עס וועט רעגנען. אונ האט נאך זאלכע פערשידענע תורות געזאגט. ווי דר מלך אגג האט מלחמה געהאלטין מיט נבוכדנצר. אונ נאך דיא מלחמה איז יוסף פערקויפט געווארען קיין מצרים מיט זיינע ברידער. אונ האבען ניט געהאט קיין מנוחה ביז קרח האט געבויעט א תיבה צום מבול. אונ דאס איז געוועזען א רמז צום בית הראשון. אונ נאך פערשידענע פערבארגענע סודות האט ער מגלה געוועזען. וואס מען מוז זוכען א גרויסען בעל קבלה ער זאל דאס פארשטיין. דער גאנצער עולם האט זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערען. אונ יעדער האט זיך געשעהמט צו זאגען. דאס ער פערשטייט גאר ניט. נאר איטליכער בעזונדער האט געזאגט איך פערשטייא עס גאנץ גוט. עס איז א זאלכע טיפע סודות וואס אונמעגליך צו ערצעהלען טויזענד מיילין איז ווערט צו פאהרען אבי צו הערען זאלכע סודות התורה. אונ איטליכער בעזונדער האט אזויא געזאגט. ווייל איינער האט זיך געשעהמט פאר דעם אנדערין. אונ אויב עס האט זיך דארט ביים טיש געפונען עטליכע וואס זענען באמת געוועזען לומדים אונ חכמים. אונ האבען פערשטאנען אז ער איז א וואוילער א פראסטער זולל וסובא. ער איז ווערט מען זאל איהם הענט מיט פיס צוא ברעכען. זא האבען זייא אויך געמוזט שווייגען. אונ האבען געמוזט זאגען דאס זאלכע תורות האבען זייא נאך ניט געהערט זייט זייא לעבען. אונ האבען געמוזט קומען צו פאהרען. דען ווען איינער מאכט הי"ו עפעס רעדען איין ווארט. מעכט ער גיהייסען אפיקורוס. אונ ער מעכט ניט זיכער געוועזען מיט זיין לעבען. פאר דיא געמיינע מענטשען וואס האבען אן אים געגלויבט אזויא וויא דיא פויערען האבען געגלויבט אז ער איז א פאר פאן באג. אונ וואס א מאל איז זיין שם גרעסער געווארען. בקיצור עס זענען געקומען צו פאהרען מענטשען פון אלע עקען וועלט. אונ

מען



מען האט געשיט ג"ם געלט וויא מיט זאמר אונ יעדער האט זיך געהאלטען פאר א גליק דאס ער האט זוכה געוועזען דאס דר רבי האט פון איהם א פדיון גענומען.

דיא שררים מיט דיא פויערען בפרט זיין אייגענער שררה האבען אלע וואך געשיקט פון אלעם גוטען. בקיצור ר' שימכע איז זיך געזעסען בכבודו של עולם. אונ האט גיפרעסען וויא א זולל וסובא. א לאנגע צייט איז ער זיך געזעסען במנוחה.

אין א צייט פון עטליכע יאהר ארום. וויא ר' שימכע האט זיך אזויא געזעסען במנוחה. אין גרויסען פערגעניגען אונ זיין שם האט געקלונגען אין דיא לענג אונ אין דיא ברייט. זא האט זיך ביים מלכות פון דעם לאנד פאסירט איין גרויס עסק וואס מען האט זיך ניט געוויסט קיין עצה צוא געבען האט מען געשיקט נאך אלע מיניסטערים זייא זאלען קומען אונ קלערען אונ האלטען איין עצה זא האט מען שימכעס שררה אויך גערופען צו דר סעסיע דען ער וואר אויך א מיניסטער. וויא דר שררה איז שוין דארט ביים מלכות געזעסען עטליכע טאג. אונ אלע האבען קיין עצה ניט געפונען. זא האט זיך דער שררה דערמאנט פון ר' שימכען

דער שררה וואר זעהר בעקאנט מיט דעם מלכות. דען זייא האבען באנאנד געלערנט אין דיא קלאסען. אונ האבען זיך פון קינדהייט ביז היינטע געהאלטען זעהר פריינדליך. זא זאגט דר שררה צום מלכות. אדוני מלך. מיר זענען שוין געהאלפען. מיר ברויכען זיך ניט צו ברעכען דיא קעפ וועגען איין עצה. איך האב אין מיין שטאט וואהנען איין מענטש. דער איז א ריינער מלאך. ער וויים אלעס פונקט אזויא וויא גאט זעלבסט. לאז מען נאך איהם שיקען. ער ווירד אונז באלד העלפען.

דר מלך וואר אבער איין גרויסער חכם. ער האט ניט געגלויבט אין זאלכע נארישע ביזיעס. זא האט דער מלך אנגעהויבען זעהר שטארק צו לאכען. אונ האט געזאגט צום שררה. ווען איך מעכט דיך ניט געקענט פאר א גרויסען חכם. מעכט איך מיך ניט ווינדרן אבער ווייל איך קען דיך פאר א גרויסען חכם. איז מיר א ווינדער אז דוא רעדסט זאלכעס נארישקייט.

זא ענטפערט דער שררה. אדוני מלך! דוא קענסט מיך יא פון קינדהייט. אונ ווייסט גוט אז איך בין זעהר פיל ווייניגער גלויבר אן זאלכע זאכען וויא דוא. אונ ווען טויזענט מענטשען מעכטין מיר זאלכעס ערצעהלט מעכט איך אויך ניט גלויבען אבער זאלכעס

וואס

וואס איך האב זעלבסט געזעהן מיט מיינע אויגען ; פאר וואס זאל איך ניט גלויבען . אונ ער האט דערציילט דיא גאנצע מעשה פון דעם פערד . אונ פון דעם קעסטעל . אונ אלע זענען געבליבען פערווינדערט . אונ נאך עטליכע מיניסטערס האבען אויך געזאגט מיר האבען אויך געהערט פון דעם מאן . דאס ער איז זעהר גרויס . אונ קען זעהר פיהל . נאר דער מלך האט דאך ניט געגלויבט .

זא האבען זיך אלע מיישב געוועזען מיט דיא עצה פון מלך . אונ האבען געזאגט וואס וועט דען דאס שאטען ווען מען וועט נאך איהם שיקען . אונזערע עצה וואס מיר ברויכען וועט מען איהם זא וויא זא ניט פרעגען . דען עס נוצט ניט אז א יוד א צווילנע מענש זאל וויסען פון אונזערע סודות . נאר מיר וועלען זיך איבער צייגען אויב עס איז וואהר דאס ער ווייס עפעס .

זא זאגט דער מלך לאז מען שרייבען דאס ער זאל וויא אם געשווינדסטען קומען צוא פאהרען . זאגט דער שררה . וויא מיינסט דוא ער איז אזויא א מענטש וויא אונז . נאך איהם מוז מען שיקען דיין קעניגליכע קאטש . מיט דיין מוזיק . אונ עטליכע גרויסע געגעראלען . אונ איך זעלבסט וועל אויך מיט פאהרען . ווער איך איהם זעהר בעטען ער זאל מיר צו ליב טאן אונ קומען צו פאהרען מען האט אזויא געטאן עס זענען אוועק געפאהרען עטליכע הערליכע קאטשען מיט די גרעסטע געגעראלען . אונ דער בן מלך מיט דעם שררה זענען געזעסן אין די קעניגליכע קאטש . אונ זענען אהין גיקומען .

וויא דאס שטעטעל האבען ערזעהען דיא קעניגליכע קאטש מיט דיא איבריגע קאטשען מיט דיא אלע גרויסע לייט . האבען זיך אלע זעהר פערווינדערט . וויא אהין זייא קענען פאהרען .

וויא פערווינדערט זענען זייא אבער געבליבען . אז זייא האבען געזעהען דאס דיא אלע קאטשען פאהרען פאר דעם הויז פון ר' שיכבע פאכטע . אונ אלע געגעראלען מיט דעם בן מלך אונ מיט זייער שררה גייען אריין צוא ר' שיכבען . זייא האבען געלאכט אונ אויך געפלאצט . אונ רעדען טאר מען ניט איין ווארט .

וויא דיא געסט זענען אריין געקומען מיט גרויס דרך ארץ . זאגט דר שררה צו זיין פאר פאן באג . זעהסט דוא וויא טרייא איך בין דיר . איך וויל דיך מאכען פיהל גליקליכער וויא איך בין . איך בין דאס אבער ניט אין שטאנד . דען איך בין דאך נאר בלויז א שררה . זעהסט דוא איך האב דיך אבער זעהר גרויס געמאכט ביים ריכבות . אונ אז דוא וועסט דארט טרעפען וואס מען ווירד דיך





פרעגען זא וועט דיך דער מלך גליקליך מאכען . אונ לכבוד דיר האט מען נאך דיר געשיקט דיא קעניגליכע קאטש מיט אלע גרעסטע געגעראלען .

וויא שיכבע האט דאס געהערט איז איהם געווארען ביטער אין זיין הארץ . ער האט זיך געטראכט הלוואי מעכט דער שררה קראנק געלעגען . אדער דער טייוועל מעכט איהם גענומען איידער ער האט מיך גרויס געמאכט ביים מלכות . אונ צום ווייב האט ער געזאגט . גאט ווייס אויב איך וועל ניט ווידער ברויכען די שאנגעס מיט דיא קאגן . אונ אפשר וועל איך זייא שוין ניט קענען בענוצען דען ביי איין מלכות איז מען דאך איינגעשטעלט מיט דעם לעבען ווען מען ערקענט דעם מינדעסטען שווינדעל . ביטער וויא דר טוט .

עס העלפט אלין ניט . יא גערען . ניט גערען . מוז מען זיך מאכען איין הארץ וויא א שטיין . אונ מען מוז פאהרען . בקיצור מען איז געפאהרען . מען איז אהין גקומען , מען האט אים אנגענומען מיט גרוס כבוד . מען האט איהם געשיקט אין א יודיש גאסט הויז . אויף דיא העכסטע ארט געהייסען איהם בהאנדלען אויף קעניגליכע קאסטען . דען ער קען דאך אין קעניגליכען הויף ניט עסען . מען האט פאר איהם געמאכט אין הערליך מיטאג וויא פאר איין מלכות ער האט באמת ניט געקענט עסען . זיין מויל־מיט זיין הארץ וואהן איהם פערשלאסען . דען ער האט זיך פארגעשטעלט זיין שווארצין סוף וואס ער וועט דא האבען . נאר אבער וויל מען האט איהם זא זעהר אנגעהאלטן אונ געבעטן . זא האט ער מיט גוואלד עפים געגעסן .

דורך דיא צייט ווייל ער האט דא געגעסען . האט דר סענאט מיט אלע מיניסטריום געקלערט וואס מען זאל איהם פרעגען . האבען זייא אויף דיא געשווינד ניט געקענט ערקלערען . זא איז געפאלען איין עצה . מען זאל איהם לאזען אין גאסט הויז דרייא טאג . אונ דורך דיא דרייא טאג וועט מען שוין עטוואס ערקלערין וואס מען זאל איהם פרעגען .

זא האט מען נאך מיטאג געשיקט נאך דעם ר' שיכבע אין קעניגליכן הויף צו קומען . אונ דר קעניג מיט דעם גאנצען סענאט האבען צו איהם מיט גרויס כבוד אזויא געזאגט . ליבער היילגער מאן . מיר בעטען אייך מיט גרויס כבוד . דאס איר זאלט בלייבען אין גאסט הויז דרייא טאג . אין דריטען טאג ווירד מען נאך אייך שיקען . אונ אז איר וועט צו טרעפען דיא פערבארגענע זאך וואס מיר וועלען אייך פרעגען . זא ווירד איר גליקליך זיין אויף אייביג .

מיט קינדער אונ מיט קינדס קינדער. ער האט געזאגט. גוט.

מען האט אים מיט גרויס כבוד געפירט אין גאסט הויז אריין. אונ מיט קעניגליכעם בעפעהל האט מען געהייסען דעם גאסט הייזער. מען זאל דעם גאסט בעהאנדלען וויא איין מלכות. אונ געבען אלץ וואס ער וועט נאר פערלאנגען. דער קעניג ווירד אלץ גוט בעצאלין.

דער גאסט הייזער האט אזויא געטאן. מען האט דעם אורח מיט דיא ווייכע זופעצע אריין געזעצט אין איין בעזונדער פאקוי זעהר הערליך. אונ מען האט אן געגרייט פאר זיינעט וועגען מעדנים וויא פאר א מלכות. נאר אבער דיא גאל האט איהם געבעך געפלאצט. פאר גרויסע צרות. דען באמת איז ער דאך געוועזען דער צעך מיינסטער פון אלע זולל וסובאס. אונ דער גרעסטער בערודיגטער קינצלער פון אלע געראדהכטע פרעסערס.

יעצט אבער איז איהם זיין הארץ פערשלאסן געוועזן. ביטער אונ זויער איז איהם געוועזען אז ער האט זיך דערמאנט פון דעם דריטען טאג. אז מען וועט איהם רופען צום מלך. דאס יעצטיגע מאל איז דיא טויט שרעק פיהל גרעסער געוועזען וויא דענצטמאל ביים קעסטעל פון שררה. דען איין שררה איז דאך ניט קיין מלכות. אבער ביא איין מלכות קען ער דאך גאנץ געשווינד זיין לעבען פערלירען. ווען עס ווירד זיך אויס ווייזען דאס ער איז נאר א פראכטער פרעסער. אונ מאכט צו נאר א מלך מיט א גאנצען סאנאט. בקיצור ער האט דיא גאנצע צייט ניט געגעסען. ניט געטרונקען. אונ ניט געשלאפען. נור איז אין זיין פאקוי געגאנגען אהין אונ אהער. אונ אלע טאג האט מען פון מלכות געשיקט נאך דעם גאסט הייזער אונ מען האט איהם אויס געפרעגט אויב ער בעהאנדעלט דעם גאסט גוט. האט דער גאסט הייזער געזאגט דעם גאנצען אמת. דאס מען האט פאר איהם אן געגרייט מעדני מלך. נאר ער האט נאך דיא גאנצע צייט ניט אין זיין מויל געהאט דאס מינדעסטע. ער פאסט ער עסט ניט אונ טרינקט ניט. אונ שלאפט ניט.

ווייא זייא האבען דאס געהערט. אונ דער שררה האט אויך ערצעהלט. דאס ביא זיין קעסטעל האט ער אויך דרייא טאג אונ דרייא נעכט ניט געגעסען. זא האבען זייא שוין אנגעהויבען אביסעל צו גלויבען דאס ער מוז זיין א גרויסער מאן. אונ ער וועט געוויס וויסען וואס מען וועט איהם פרעגען. אלזא האט מען אנגעהויבען צו קלערען וואס מען זאל איהם פרעגען. דאס מיר זאלען זיך דאך ריכטיג ערוויסען. אויב ער ווירקליך איין הימלישער גייסט איז

פון



פון אלע מיניסטעריום איז אויס געקליבען געווארען דער אלטער פארגעהמסטער מיניסטער. דאס ער זאל טראכטען אונ אויס קלערין איין עצה. וואס מען זאל פרעגען. דען דער מיניסטער וואר באמת דער גאנץ גרויסער חכם. זא האט ער אזוי געזאגט. מיין עצה איז דאס וועגען אונזער עסק פון דעם סוד מלוכה. וואס מיר האבען צו טראכטען. דאס זאלען מיר איהם גאר ניט פרעגן. דען זא איין זאך וואס רידט אן צו דיא מלוכה. טויג ניט פאר קיין מענטש בגוה צוא זיין. דען ממה נפשך. איז ער א פראסטער מענטש וויא אלע מענטשען וועט ער דאך געוויס ניט וויסען אונז צוא העלפען צוא אונזער זאך. איז ער אבער יא איין גרויסער חכם זא טויג אויך ניט אז איין ציווילגע מענטש זאל וויסען פון אונזערע פערבארגענע סודות. אלזא פון אונזער זאך זאל מען איהם גאר ניט פרעגן. אונ אויך ניט איין ווארט רעדען דערפון. נאר מיר זאלען קלערען עפעס אנדערש איהם צוא פרעגען. דאס מיר זאלען זיך איבער צייגען וואס אין איהם שטעקט.

די עצה איז וואהל געפאלן דעם מלך מיט דעם גאנצען סאנאט.

יעצט מוז מען קלערען וואס מען זאל איהם פרעגען? זא זאגט דער זעלבער מיניסטער דער חכם. איר זאלט וויסען דאס ווען ער איז א חכם. זא ווירד ער דיא שווערסטע זאך אויך צו טרעפען. דען איין ריכטיגער חכם קען צו טרעפען דיא גרעסטע חכמה. אבער קיין נארישקייט קען קיין חכם ניט טרעפען. אונ איין נאר קען קיין חכמה ניט טרעפען נאר בלויסע נארישקייטען. נאר דיא חכמה איז אין צווייא חלקים. איין חכמה איז. וואס דער מענטש האט אויס געארבייט פון זיך זעלבסט. דאס הייסט חכמה טבעית נאטורליכע חכמה. אונ איין חכמה איז פערהאנדען. וואס מען גיבט דעם מענטש חכמה פון הימעל. אזויא וויא עס שטייט געשריבען (וה' נתן חכמה לשלמה). דער איבערשטער האט געגעבען חכמה צו שלמה המלך ע"ה. דאס הייסט חכמה אלהית. דיא געטליכע חכמה. אלס דען דער חכם איז פון זיך זעלבערט קלוג דער קען איין חכמה זאך צוא טרעפען. אבער איין נארישקייט קען ער קיין מאל ניט צו טרעפען. אבער דער חכם וואס מען האט איהם געגעבען חכמה פון הימעל. דער קען אלץ צוא טרעפען. הן איין חכמה. והן איין נארישקייט. איז ביא איהם אלץ איינס. דען מען איז איהם דאך אלץ מגלה פון הימעל וואס ער וויל אונ וואס ער ברויך.

אלזא לאזען מיר איהם פרעגן איין נארישקייט וואס ער וועט

זיך

זיך גאר ניט ריכטען . אונ אז ער וועט דאס טרעפען . וועלען מיר וויסען דאס ער איז איין ריכטיגער חכם וואס מען גיבט איהם חכמה פון הימעל . אונ ער איז א הימעל מענטש אונ איז אין הימעל גאנץ גרוים. אונ אז עס ווירד זיך אום ווייזען אז ער איז באמת א חכם פון הימעל חכמה . זא וואלען מיר איהם גרוים כבוד אן טאן . אונ גרויסע מתנות שענקען . דען ער קען אמאל אונז אוים דיא גרעסטע נויט ארויס העלפען . אונ פון אלעם שלעכטען בעשירמען .

דער מלך מיט דעם גאנצען סאנאט האבען אויף דיא עצה מסכים געוועזען . יעצט מוז מען קלערען וואס מען זאל איהם פרעגען דאס ער זאל זיך ניט רעכטען . יעדעו׳ האט איין אנדערע עצה געגעבען . אונ האט קיינעם ניט געפאלען .

דארט ביים מלך אין דיא שטוב וויא דיא מיניסטעריום זענען געזעסען אונ געקלערט . איז געוועזען אין דיא וואנד פון די מויער איין פראמארקע . דאס איז איין פיר עקעדיג לאך אין דיא וואנד . מען זאל קענען עפעס אריין שטעלען . אונ דיא פראמארקע וואר מיט א שיין טירעל פערשלאסען . אונ ניט ווייט פון די פראמארקע האט געהאנגען א שטייגעל מיט איין פויגעל . זא איז געפאלען די עצה . מען זאל אין דיא פראמארקע אריין שטעלען עסען אונ טרינקען פאר דעם פויגעל אויף צוויא טאג . אונ מען זאל דעם פויגעל ארוים נעהמען פון דעם שטייגעל אונ אריין זעטצען אין דיא פראמארקע . אונ פערשליסען דאס טירעל . אונ דאס שטייגעל ארוים נעהמען פון דער שטוב . מען זאל גאר ניט וויסען אויב עס איז דא געוועזען א פויגעל . אונ מען ווירד איהם פרעגען וואס דא בייא אונז האט זיך פאסירט . אונ אז ער וועט דאס טרעפען . זא וועלן מיר וויסען דאס זיין חכמה איז פון הימעל . אונ ער איז גאנץ גרוים . די עצה האט אלע זעהר גוט געפאלען . מען האט אזויא געטאן . מען האט דעם פויגעל ארוים גענומען פון שטייגעל . אונ אריין געזעצט אין דיא פראמארקע . אונ וויא מען האט געוואלט דאס טירעל צו שליסען . איז דר פויגעל ארוים געפלויגען . מען האט איהם ארום געיאגט ביז מען האט איהם געהאפט . אונ מען האט איהם דאס צווייטע מאל אריין געזעצט אין דיא זעלבע פראמארקע . אונ ער איז דאס צווייטע מאל אויך ארוים געפלויגען . מען האט איהם ווידער ארום געיאגט ביז מען האט איהם ווידער געהאפט . דאס דריטע מאל האט איהם דער מלך זעלבסט גאנץ פעסט געהאלטען דאס ער האט שוין ניט

געקענט



געקענט ארויס פריהען . אונ מען האט איהם פערשלאסען . אונ אלע מיניסטעריום האבען געמוזט שווערען . דאס קיינער זאל זיך ניט וויסען מאכען . דאס עס זאל בלייבען בסוד גדול .

יעצט מיין ליבער לעזער וועלען מיר גיין צו ר׳ שיכבען גוואר ווערען וואס ער מאכט . ער איז געביך געזעסען אין גרויסע צרות . נים געגעסען . נים געטרונקען . ניט געשלאפען . אונ זיין אקסין קאפ איז שוין באלד געוועזען אוים געטריקענט פון פיהל קלעהרען . וויא עס איז שוין געקומען דיא לעצטע נאכט . וואס ער האט געוויסט דאס מארגן ווירד זיין זיין יום הדין . זא האט ער דיא נאכט געשפירט טעם טוים .

דאך האט ער זיך מיישב געוועזען . איך וועל זאגען דיא גאנצע ווארהייט . דאס יענע צוויא מאל האט עס מיר געגראטען . אונ דאס דריטע מאל פאר דעם מלך האט עס מיר שוין ניט געגראטען . אונ איך וועל דערציילען דעם גאנצען אמת . דאס איך בין באמת איין פראסטער מענטש . אונ פאר דיא ווארהייט וועט מען מיך דאך ניט אומברענגען . אונ מיין שררה וועט מיר אלץ אוועק נעהמען וואס ער האט מיר געגעבען . זא וועל איך וואסער טראגן. אונ וועל דאך בלייבען לעבען . אונ אז איך וועל ניט זאגען דיא ווארהייט . אונ וועל מאכען מיט דעם שמים פנים דעם גנבישען שווינדעל . דאס איך בין א רבי . אונ עס וועט זיך אוים ווייזען אז איך ווייס א קרענק . אונ איך וועל בלייבען א ליגנער . זא בין איך געווים ניט זיכער מיט מיין לעבען .

גוט דיא עצה האט ר׳ שיכבען זעהר געפאלען . דען באמת האט ער דאך קיין אנדער עצה ניט געהאט . מארגען פריה דעם דריטען טאג האט ער גאנץ פריה אנגעטאווינט אונ איז געגאנגען אין דיא ווייסע יופעצע . אין דעם טלית ותפילין . אין דעם גרויסען ספאדעק ווי א וואלקען בראך אויף זיין קאפ . אונ האט אוים געזעהן וויא איין ענגלישער סורר ומורה .

פריצלונג זענען אריין געקומען דיא גרויסע מענער פון מלך . וויא זייא האבען איהם ערזעהען אין דיא קליידער . האבען זייא זיך ערשראקען וויא פאר דעם מלאך דומה . זייא האבען געווארט ביז ער האט אפ געלייגט טלית ותפילין . אונ האבען איהם מיט גרוים כבוד געבעטען ער זאל מיט זייא מיט גיין . דען דר מלך מיט אלי מיניסטערס ערווארטען איהם מיט גרוים כבוד . ער איז מיט זייא געגאנגען אונ האט זיך געמאכט א חשק . עס זאל אוים זעהן דאס

ער

ש גייט מיט חשק אהין אויף דעם פנים דאט עס אויס גיזעהען אז ער גייט מיט חשק. אבער אינווייניג האט איהם געפלאצט דר וויישעט. ער איז אהין געקומען. דער מלך מיט אלע מיניסטעריום זענען שוין גרייט געזעסען און אויף איהם געווארט. וויא ער איז נאר אריין געקומען האט ער ניט געווארט ביז זייא וועלען אים פרעגן נאר ער האט באלד אנגעהויבען צוא זאגען דיא ריכטיגע ווארהייט. און האט אזויא געזאגט. ליבע הערשאפטען. עטץ ברויכט מיך גאר ניט צו פרעגען. דאס ערשטע מאל האט עס דעם פויגעל גיגראטען דאס ער איז פרייא גפלויגן און דאס צווייטע מאל האט עס איהם אויך געגראטען. אבער דאס דריטע מאל פון מקדם האנד איז ער שוין פעכט גפאנגען געווארען. און עס האט איהם שוין ניט געראטען. דאס האט ער געמיינט זיך זעלבעניט. דאס ערשטע מאל מיט דעם פערד אין וואלד האט עס איהם געגראטען. דאס צווייטע מאל אין דאיך מיט דעם קעכטעל דימאנטען האט עס איהם אויך געגראטען. נאר יעצט דאס דריטע מאל אין מקדם האנד איז ער גפאנגען געווארען און עס האט איהם ניט געגראטען.

דר מלך אבער מיט דיא מיניסטעריום האבין דאך ניט געוויסט וואס דער נאר האט אין זיין זין. און וואס ער מיינט. וויא זייא האבען נאר געהערט דיא ווערטער וואס ער האט גזאגט. דאס צווייטע מאל האט עס דעם פויגעל געגראטען. און דאס דריטע מאל פון מקדם האנד איז דער פויגעל געפאנגען געווארען. עס האט איהם שוין דאס דריטע מאל ניט געגראטען. האבען זייא געמיינט דאס ער האט צו גטראפען זייער סוד. און איידער ער האט אויס גערעט דאס ווארט. איז געווארען א גרויס געפאטש און א גרויס געשרייא וויוואט. און אלע זענען געבליבען זעהר פערוואונדערט. און זענען אלע געפאלען כורעים ומשתחוים פאר גאטס חכם. דען עס האט דאך ביא זייא געהייסען דאס ער האט זיין חכמה פון גאט. אזוי וויא להבדיל שלמה המלך ע"ה.

וויא ער האט דאס געהערט און געזעהען. איז ער שוין קלוג געווארען. און האט שוין מעהר ניט גערעט איין ווארט. נאר איז געבליבען שטיל וויא דיא וואנד. און פאר גרויס פרייד און גרויסע ווינדער האבען זייא ניט געוויסט וואס פאר איין כבוד זיי זאלען איהם אנטאן. און וויל זייא האבען געוויסט דאס ער האט שוין דרייא טאג ניט געגעסען האבען זייא איהם ניט גיוואלט אויף האלטען. נאר אלע האבן אים מיט גרויס כבוד בגלייטט ביז אין נאכט הויז. און מען





האט פון מלכות באלד אהער געשיקט דיא גרויסע מוזיק. און מען האט געשפיהלט לכבוד דעם נאר פאן באג. און מען האט גמאכט גרויסע לימינאציע אין די שטאט. אלע פענצטער און אלע גאסען האבען געלויכטען פון ליכט און פון לאמפען. אלס לכבוד דעם היטעל מענטש. און דר שררה איז געווארען גרוס עד לב השמים.

דער מלך מיט אלע מיניסטעריום האבען איהם געקושט און געהאלזט. דען דורך איהם האבען זייא דאך זוכה געוועזען צו קענן דעם היילינגען מאן. און צו זעהען דיא גרויסע ווינדער. אויך דיא מלכה האט דאס אלץ געהערט. זא האט זיא געבעטען דעם מלך. ער זאל דעם היילינגען מאן בעטען. ער זאל נאך איין מאל קומען אין קעניגליכען פאלעץ. דאס זיא זאל אויך זוכה זיין איהם צו זעהן און כבוד אן צוא טאן. דער מלך וואר ניט דרייסט צוא רעדען צו דעם כלאך קרום. נאר דער שררה האט איהם געבעטען. און וויא דר שררה איז צוריק געקומען צו דיא מלכה מיט דיא גוטע בשורה דאס דער היילינגער מאן וועט קומען. זא איז דיא מלכה מיט דיא אלע גרויסע דאמען זעהר הערליך פערקליידעט אקעגען געגאנגען. און א גאנצען וועג אויס געשפרייט מיט רויזען בלומען. און מיט גרויס כבוד אנטפאנגען אין קעניגליכען פאלעץ. און יעדע דאמע האט זיך גענייגט. און זייא האבען איהם בעווארפען. מיט גרויסע מתנות. און דר מלך מיט אלע גרויסע לייט האבען אים בעשענקט מיט זעהר גרויסע הערליכע מתנות.

ר' שימכע איז עקסטרא געגאנגען אין שוהל אריין און דער מלך מיט אלע גרויסע לייט זענען מים געגאנגען. און שימכע האט געהייסען מאכען דעם מלך א מי שברך. אלע יודען זענען צונאנד געקומען לכבוד דעם מלך. און דר מלך האט דיא יודען זעהר שיין אנטפאנגען און האט א גרויסע נדבה געשענקט אויף דיא שוהל. און אויף די ארמע לייט. מיט גרויס כבוד ווען זייא צוריק גגאנגען אין קעניגם הויף. און אלע יודען האבען זייא בעגלייט מיט גרויס כבוד. און אלע האבען געשריגן אונזער מלך מיט דיא מלכה מיט זייערע קינדער זאלען לעבען. און זאל גליקליך זיין.

וויא זייא זענען געקומען פאר דעם פאלעץ. זא זענען שוין געשטאנען זעהר פיהל קוטשען איין געשפאנט. און פאר ר' שימכען איז גוועזן גרייט דעם מקדם קאטש. און זיא וואר פיל בעקרענט מיט גאלד. זילבער. געלט. און זעהר טהייערע מתנות. און דער מלך מיט דיא מלכה האבען זייא אביסעל בעגלייט. און געווינשען

א גליקליכע רייזע . און איידער דער מלך האט זיך מיט ר' שימכען געזעגענט . האט דער מלך צו איהם אזויא גזאגט . דאס אלץ וואס איך האב דיר געגעבען . דאס איז נאר דערווייל . קערצליך אבער וועל איך דיר שיקען דאס דוא מיט קינדס קינדער וועלין האבען גינוג און איך וועל זארגען פאר דיר וויא א טאטע פאר זיין איינען קינד . אויך פיהל יודען זענען געקומען און האבען אריין געווארפען אין די קאטש קוויטלעך מיט פדיונים און ער האט אלץ צו גענומען . און צו וועלכען ער האט געגעבען א שאקיל מיט דעם קאפ . דער האט געמיינט אז ער פליהט אין זיבענטען הימעל אריין .

דער שררה מיט דעם בן מלך מיט ר' שימכען זענן געזעסען אין קעניגס קאטש . און דיא איבריגע גרויסע לייט זענען געזעסען אין אנדערע קאטשען און זעהר פיהל קאטשען מיט גרויסע לייט זענן מיט געפאהרען . וויא ר' שימכע מיט דיא אלע גרויסע מענער זענען שוין נים נייט געוועזען פון דערהיים . נאך איין מייל אדער צוויא מיילען פון דיא שטאט . זא זענען שוין דיא רייטער מיט דיא מוזיק פאראוים געלאפען און מען האט פאר ר' שימכעס טיהר געמאכט דיא גרויסע פאראדע . מיט מוזיק . לכבוד דיא מאדאם שימכע . און מען האט איהר אפ געגעבען דיא נאכריכט דאס איהר ליבער מאן קומט צו פאהרען . אונד איין פריינדליכען גערוס פאן די קעניגן אונד פון אלע גרויסע דאמען , און איין פריינדליכען בריף פון דיא קעניגען . מאדאם שימכען האט דעם בריף אויף געמאכט צו לעזען זיא האט אריין געקוקט אין דעם בריף וויא דער האן אין בני אדם . און האט זיך זעהר בעדאנקט . און וויא דיא אלע קאטשען זענען שוין געקומען . מיט ר' שימכען . זא איז דיא גאנצע שטאט יודען געשטאנען און האבען דאס געזעהען . וויא דער שררה מיט דעם בן מלך און נאך עטליכע גענעראלען פיהרען ר' שימכען אונטער דעם ארעם . און שטייען פאר איהם כעבד לפני מלך . און די אלי גרויסע מענער האבען זיך דא אויף געהאלטען עטליכע טאג און מען האט געמאכט גרויסע פאראדעס און גרויסע פרייד אלע טאג . און וויא האבען איבער געלאזט גרויסע מתנות . און האבען זיך אפ געזעגענט מיט דעם צדיק . און מיט דיא מאדאם . און פארט געפאהרען .

נאך אין עטליכע טאג איז געשטאנען פון קעניגס האנד איין צייטונג בלאט דאס די גאנצע וועלט זאלן וויסען דאס קיין גרעסערער הייליגער מאן וואס האט דיא הייליגע חכמה פון הימעל איז נים





פערהאנדען וויא דער גרויסער גאון ר' שימכע און ווער עס וויל חיו עטוואס פאן אדער רעדען חיו אויף זיין הייליגען כב'ד . דער איז חייב מיתה . און אלע וואך און אלע חודש דאס מען איהם געשיקט פון מלכות הויף . געלט מיט מתנות כיד המלך . בקיצור זיין שם איז גנאנגען מסוף עולם ועד סופו . אזויא צווישען פרעמדע פעלקער און אזויא צווישען יודען . עס זענען טאג טעגליך געקומען צו פאהרען מענטשען פון אלע עקען וועלט . און צווישען הונדערט קראנקע ווען אפילו ניין און ניינציג זענן געשטארבען . און איינער איז לעבען געבליבען . האט מען נים געדענקט פון דיא וואס זענען געשטארבען . נאר פון דעם איינעם וואס איז לעבען געבליבען . און עס האט געקלונגען אין דיא וועלט דאס דר רבי האט איינעם ביים לעבען ערהאלטען . און אזויא האט זיך דיא גאנצע וועלט געגארט אן דעם גראבען יונג . און אפילו לומדים חכמים האבען זיך אויך גענארט און זענען געפאהרען און האבען געגלויבט אן דעם זולל וסובא וויא להבדיל אן א ריכטיגען נביא . און דער שווינדעל האט דיא גאנצע וועלט פערבלענדעט . און מען האט גמוזט לאנג ווארטען אונטער זיין טיהר איידער מען האט זוכה געוועזען אריין צו קומען . און דער שם איז געגאנגען דאס ער פאסט משבת לשבת . דען מען האט איהם נים געזעהען עסען . נאר באמת האט ער טאקע נים געגעסען . נאר געפרעסען וויא א בלינד פערד . נאר עס איז געוועזען מיט גרוים חכמה . עס האט קיין שום מענטש פון דעם נים גיוויסט נאר זיין ווייב . און זיא האט דאס אלץ אריין געברענגט אין זיין שטיבעל דאס קיין מענטש זאל נים וויסען . און צווישען מענטשען האט זיא געשריגען געוואלד איהר מאן עסט גאר נים . און עס זענן אויך געקומען צו פאהרען גרויסע לייט . רבנים . גיטע יודען (אויך זאלכע גוטע יודען וויא ער) לומדים . אפילו זאלכע וואס האבען פערשטאנען דיא גנבה מיט דעם שווינדעל . זענען אויך געקומען . דען אין יעדע שטאט ווער איין חסידים שטיבעל . עס האט געהייסען דאס שטיבעל פון הייליגען ר' שמעון הצדיק . און דיא בעלי קבלה האבען געזאגט על פי סוד . אז ר' שימכע פלאכטע איז דער גלגול פון שמעון הצדיק ע'ה . ווארום דאסווארט פלאכטע איז בגימטריא הצדיק מיט דעם ווארט הצדיק . און ווער עס איז נים געגאנגען אין דעם שטיבעל . און ווער עס איז נים געפאהרען צוא איהם . דער איז נים געהאלטען געווארען פר איין ארענטליכען מענטש . דארוך האבען לומדים און חכמים אויך בעל כרחו געמוזט פאהרען און אז

עס האט זיך געטראפען א מענטש א חכם וואס האט דעם שווינדעל פערשטאנען. אונ האט געשריגען דעם ריכטיגען אמת. אז די וועלט איז משוגע. אז מען פאהרט צו אזויא איין זולל וסובא. צו אזוי א גראבען וואוטשעק וואס גנארט גאט מיט די וועלט. אונ מען גלובט אן אזויא א גנב א ליגנער וואס וויים ניט קיין חילוק צווישען ארור המן לברוך מרדכי. זא האבען אלע זיינע חסידים געשריגען! דער מענטש איז איין אפיקורוס. ער וועט ניט האבען קיין חלק לעולם הבא ווייל ער האט ניט אמונת חכמים. זא האט איין אנדערער חכם גזאגט צו דעם חכם. הער מיך צו ליבער ברודער איך פערשטייא דעם שווינדעל פון דעם קדוש. אונ דאס משוגעת פון דיא וועלט. אזויא גוט וויא דו. דען איך האב מיר דאס גוט איבערלייגט. דאס ווען א מענטש מיט פערשטאנד וואס האט א ריכטיגען שכל קומט אריין צווישען משוגעים טאר ער ניט זאגען. אז זייא זענען משוגע. נאר אלין נאס ער זען. דאס א משוגענער טוט. מוז ער זאגען עס איז זעהר גוט. ווען אבער ער זאגט דאס זייא זענען משוגע. זא שרייען זייא אויף איהם. דאס איז א משוגענער. אונ מענכעס מאל איז ער אויך ניט זיכער מיט זיין לעבען. אלס דען מיין ליבער פריינד בלייב רוהיג אונ לאז יעדעם נאר בייא זיין נאריטקייט. דען מיר וועלען ניט קענען א גאנצע וועלט ארום דרייען. זא האט יענער אפ געענטפערט ביזט גערעכט ליבער פריינד. איך וועל דיך פאלגען. זא האבען דיא צווייא חכמים צווישען זיך געהאלטען איין עצה בסוד. אונ זענען אויך געגאנגען אין חסידים שטיבעל. אונ צום רבים שלש סעודות. אונ געחאפט פון טעלער א שטאנץ הערינג שיריים. אונ געטרונקען לחיים. ער זאל לעבין. ער זאל לעבען. אונ האבען אויך ערצעהלט פון איהם זאל לעבען גרויסע ווינדער וואס זייא האבען ניט געזעהען אונ ניט געהערט. אונ ר' שיכבע האט וואס א מאל געזאגט טיפערע תורות.

אמאל א שבת זענען געוועזען זעהר פיהל חסידים. אונ דער נבאי האט מיט איהם א גאנצע וואך געלערנט דיא תורה וואס ער זאל זאגען אויף שבת נאר שיכבע פראכטעע האט דאך א זכרון ווי איין אלטע קאטץ. עס איז געקומען צו דיא תורה זאגען. זענען אלי חסידים געשטאנען גאנץ שטיל זייא זאלען זוכה זיין צוא הערין פון דעם פה קדוש דיא טיפע תורות. הייבט ער אן מיט גרויס התלהבות דען דאס פייער פון אקוויט הט אין אים געברענט אונ מחמת התלהבות האט ער אליינגט אויף געפרעסען דיא גאנצע פיש מיט דעם גאנצען

פלויש



פלייש וואס מען האט איהם אנידער געשטעלט צו טהיילען שיריים פאר דעם גאנצען עולם. דער עולם האט זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערען. נאר יעדער האט זיך געטראכט ווער וויים וואס פאר א גרויסער סוד דאס איז. אונ אלע האבען געלאקערט מיט דארשט צו הערען דיא דברי תורה. זא עפענט ער זיין מויל וויא בלעמס איזעל. אונ זאגט. ווען חם האט גיהרגת זיין ברודער קין. האט פוטיפר געבויעט דיא תיבה. אין דער תיבה איז געוועזען בלעם הרשע. אונ נבוכדנצר. אוי יונה. יונה. יונה. יונה. די טויב איז אוועק געפלויגען אונ האט אויף דעם רעכטען פליגעל מיט געשלעפט בלעם הרשע. אונ מיט דעם לינקען פליגעל דעם נבוכדנצר. בפעם הזאת דענסטמאל האט מלחמה געהאלטען מלך אחשורוש מיט בלק בן צפור אונ ווייל אין שושן האבען דיא ישראל געגעסען אויף דיא סעודה יפון בלק בן צפור. איבער דעם איז אחשורוש געלאפען אין דיא מדבר אריין שעלטען דיא ישראל. וויא דיא טויב האט געזעהן דאס מען וויל דיא הייליגע יודען שעלטען. האט זיא פערשפרייט איין פליגעל אזויא וויא עס שטייט יפרוש כנפיו איז פון אונטער די פליגעל אפיר געפאלען איין הארט איזעל. אזויא וויא עס שטייט חמור גרם. אונ בלעם איז אראפ געשפרונגען אונ האט זיך געזעצט רייטען אויף דעם איזעל והוא רוכב על אתונו. אונ האט גיהרגית אחשורושין. איז געקומען שמואל אונ האט גיהרגית בלעמען ווייל ער האט חרוב געמאכט דאס בית ראשון פון דעם איז געבורען געווארן המן הרשע וואס האט געהאנגען מלך נבוכדנצרן אין לאנד מצרים. אונ וויא קורח האט שלום געמאכט מיט המן איבער דיא מערת המכפלה וואס יעקב האט געקויפט פון שכם בן חמור. איז גקומען א בת קול. לא מעקצך ולא מדבשך. עס וועט ענק קיין חכמה ניט העלפען. אונ קיין גבורה אויך ניט. עס שטייט אין דיא הייליגע גמרא גם כי גם לך לא יהיה. דאס איז טייטש וויא איינער בעט זיך אזויא שלאפט ער. ווידער גפונט מען דוד המלך ע"ה הט גזאגט אין ספר מגילת אסתר המלאך הגואל. אותי מכל. רע יברך. דאס איז טייטש אז מען קעמט זיך ניט. קריגט מען קאלטענעס. אונ דר פי' של סוד זה איז וויא עס שטייט אין פסוק. אין מטבילין את הכלים. ואין מדליקין את הנרות. דאס איז טייטש מען בעצאהלט יעדען מענטש וויא ער האט זיך פערדיהנט. על כן משפט אמת וצדק ווייל קורח האט כבוה געוועזען דעם כבוד פון די צוויי צדיקים דתן ואבירם. אונ האט זיך פאר זייא ניט געוואלט האלטען נידריג.

אין

איז ער אראפ געקומען למטה במדרגה התחתונה. אבער המן האט מכבד געוועזען דעם צדיק מרדכי און האט איהם צו ליב געטאן וואס ער האט געוואלט פונקט וואס מרדכי האט זיך געווינשען. האט דער צדיק בן המדתא זוכה געוועזן ער זאל עולה זיין לעליה במעלה עליונה. הא. הא. הא. איך מיט ענק אלע מיינע חסידים זאלען מיר אויך זוכה זיין צוא אזאלכע הויכע עליה. זאגטס אלע אמן. האבען אלע געשריגען אמן אמן אמן.

נאך דיא שרעקליכע תורה. איז געוועזען בייא דיא חסידים סכנות נפשות. דיא גראבע יונגען זענען שיעור געשטארבען פאר גרויס שרעק פון דיא פייערדיגע סודות התורה און דיא לומדים חכמים. זענען שיעור צו זעצט געווארען פאר לאבען. און זיי האבין גענומען דאס געלעכטער אין זיך דריקען. דען ווען זייא מעכטען געלאכט. מעכטען זייא ניט זיכער געוועזען מיט זייער לעבען. עס איז דיא ריכטיגע חכמים האבען געזאגט איינער צום אנדערען. וואס טויג מיר דיא חכמה אז דאס וואהר דאס אלטע שפרוך ווארט. נארישקייט גילט.

ר' שימכע מיט זיין ווייב האבען גאנץ גוט געלעבט. און האבען געהאט גרויס עשירות און דיא גאנצע וועלט האט זיך אן זייא גענארט. און זייא האבען איבער געלאזט קינדער אויך זאלכע זולל וסובאם וויא זייא זענען געוועזען. און גרויסע לייט האבען זיך מיט זייא משדך געוועזן. און ר' שימכע מיט זיין ווייב זענען געשטארבען בכבוד גדול. און דיא קינדער האבען גירשענט א זעהר גרויסע ירושה. נאר דאס עשירות האט זיך קורצליך אויס געלאזט. דען זייא זענען געוואוינט געוועזען צו פרעסען און צו זויפען. אזוי וויא זייערע עלטערן דיא היילינגע פרעסערס. און דיא קעקב[illegible] מיט דיא עופות. מיט געלט. מיט אלעס גוטען וואס די שררים האבן נפרעגט צו שיקען. דאס אלץ האט שוין אויף געהערט. קיין שררה האט שוין ניט געוואלט שיקען דאס מינדעסטע. זא זענען זייא געבליבען ביים בייזען האלז. נאר וויא לאנג זייא האבען געהאט צו פרעסען האבן זייא גפרעסען. און דר נאך האבען זייא ניט געוויסט וואס צו טאן. דען מיינסטען ווערען דאך זאלכע לייט אויף געצויגען וויא דיא ווילדע אקסען. צו פרעסען און זויפען און טאנצען און שפרונגן און לידיג גיין. און צו איין אלטען מאן א געשרייא געבען. העי נאר דוא! ווער ביסט דוא דאס? דוא מיינסט אויך דוא ביסט א חסיד? זאלכע זאכען קענען זייא גוט. דאס איז זייער געוואוינהייט

און



און ווייטער קיין תורה. קיין חכמה. קיין מלאכה קענען זייא דאך ניט. און אז זייערע פעטער דיא רבים שטערבען. שטעלען זייא איין זייער האלז אויף קצבה און וואנדערען ארום אויף די מדינה. האבען נאכט הויז אין אלע חסידים שטיבלעך. א מאל גנבנען זייא אמאל שנארען זייא. וויא עס איז א חתונה אדער א סעודה זענען זייא מקיים סעודת מצוה. ווארום זייא זענען דאך בנן של קדושים. און דיא ווייבער ווערען אין דערהיים פארשווארצט. און דיא קינדער ווערען אויך אויף געצויגען וויא דיא חיות רעות. זא האבען אונזער ר' שימכעס קינדער אויך אזויא געוואלט פיהרען ווירטשאפט. נאר איינער פון זייא איז געוועזען א חכם. און איז ניט געוועזען קיין גרויסער עם הארץ. ער האט אביסעל געקענט. און באמת זעהר קלוג, און ער האט געוויסט אז דאס גאנצע געשעפט מיט דעם גרויסען שם פון זיין פאטער. וואר אלץ שווינדעל און גנב. זא האט ער צוא גערופען זיינע ברידער. און האט צוא זייא אזויא געזאגט. ליבע ברידער! פאלגט מיך וואס איך וועל אייך זאגן וועט אונז אלע וואויל זיין. מיר לאזען זיך לערנען א מלאכה. און מיר וועלען זיך ערנעהרען עהרליך מיט אונזערע צעהן פינגער ניט מיט קיין שווינדעל וויא אונזער פאטער האט בעשווינדעלט דיא גאנצע וועלט. און אום גענארט געלט פון איטליכען בעזונדער. בפרט מען זעהט דאך דאס אונזער פאטערס פערמעגען איז אויס געגאנגען כלעג וקלס ווי שנייא אין וואסער. דען זאלכעס געלט קען קיין בעשטאנד ניט האבען. ווייל עס איז ניט עהרליך. נאר אזוי געשווינדעלט. אונזער פאטער האט זיך נעבעך ניט געקענט אנדערש העלפען. ער איז נעבעך געוועזען געצוואונגען דער צו. דען ווען ער האט דאס אנגעהויבען צו פיהרען. וואר ער דאך שוין אלט. און קיין תורה און קיין מלאכה האט ער דאך ניט געקענט. בפרט פון וואגען ווייסען מיר אז דאס גליק וועט אונז אזויא דינען וויא עס האט איהם געדינט. דען צו דיא שמים פנים גנבה. מוז מען אויך האבען גליק. און מיר זענען ניט פערזיכערט אויף דעם גליק וואס אונזער טאטע האט געהאט. דען ער האט געזאגט תורות וואס עס קומט ניט איינם צום צעהנטן. ער האט אוים געמישט פעטרושקע מיט קוה בעבע. מיט פוטער מילעך. און אלע האבען געזאגט עס איז זעהר וואהר. ווייל דאס מזל האט איהם געגליקט. אויף גליק איז אבער ניט יעדער פאר זיכערט. און ווער עס קען א מלאכה. דער איז אין דיא האפנונג אז דאס מזל וועט איהם גליקען. קען ער אויך איין עושר ווערען

אונ וועק ניט. זא איז ער על כל פנים פערזוכערט אויף זיין שטיקל ברויט. זא האבען איהם דיא ברידער געפאקט. אונ האבען זיך געלערנט מלאכות. איינער איז געווארען א שניידער איינער א שטיקלער. אונ האבען זיך געפירט גאנץ שיין. אונ נעבען פון די מלאכה איינציג ווים געקומען צו געלט אונ זענען געווארען סוחרים. אונ נגידים. אונ האבען ווערר ליב געהאט דעם ברודער וואס ער האט זיא דיא עצה געגעבען זיא זאלען זיך לערנען מלאכות. אונ זיא האבען זייערע קינדער געלאזט גוט לערנען. אונ האבען מיט זיא געטאן גוטע שידוכים. אונ זיא ווארען אויך סוחרים. נאר גוט לערנען אונ שרייבען אונ רעכנען האבען זיא אויך געקענט. אונ זיא האבען אוים געפירט זייער וועלט בשלום מיט קינדער אונ קינדס קינדער. אונ האבען געהאט חן בעיני אלהים ואדם.

פון דער מעשה איז צו פערשטיין וויא דיא וועלט איז פאר בלענדעט. אונ ווער עס האט שכל בריך זיך ניט לאזען צוא פאר בלענדען מיט הבלי הבלים נאר צו זיכען דעם אמת

ענדע


# לרבנן ולתלמידיהון די בכל אתר ואתר!

הנני בזה לאור מחדש את ארבעת חלקי הספר שו"ת נודע ביהודה בהוספה גדולה ונכבדה גם בכמות גם באיכות אשר לוית חן היא לספר הגדול הזה ועטרת תפארה, ובשם וזאת ליהודה תכונה מהוללת.

א) "מנחת אהרן" קובץ השו"ת שהשיב הגאון בעל נודע ביהודה לתלמידו הגאון בעל "תשובה מאהבה";
ב) "מפתח כללי" מכל הענינים [illegible] ועקרי ההלכות הנזכרים בכל ספרי שו"ת נוב"י ותשו"מ כסדר א"ב;
ג) ציונים ומ"מ לספרי האחרונים אשר שקלו וטרו בשו"ת נוב"י.
ד) "אנשי שם" מפתח כולל שמות הגאונים והרבנים אשר החליפו תשובותיהם עם הנוב"י.
ה) הגהות מהרי"ל בעל נוב"י לקוחות מהספר "שלת החדש".
ו) כתב הרבנות של הנודע ביהודה בפראג.

ומלבד כל אלה חדושים והערות מאת עשרים ושנים גאונים גדולי הדור, מהם שנעתקו מכ"י קדשם ומהם שנלקחו מספריהם המפורסמים.

ונוסף על כל אלה הגהה מדויקת, אותיות מהודרות ונייר טוב, ומעתה הנוב"י [illegible] בספר חדש מקרב בא המרהיב עין ונפש גם במראהו הפנימי גם במראהו החיצון.

מחיר הספר מלבד המשלוח 5 רו"כ, ולמו"ם [illegible] הגון.

ברגשי כבוד ויקר [illegible]:

יצחק פונק בווילנא.

הכתבת

Книжный Магазинъ Исаака Функа, Вильно.